גליון
# באור החיים

פרשת נשא - תשפ"ו לפ"ק | גליון תתפ"ב

יו"ל ע"י איחוד תלמידי וחסידי טאהש



הגליון בשבוע זו נתנדב על ידי
מוה"ר **אליעזר דוד קרויס** הי"ו
חבר הנהלת המוסדות בקריתינו הק'
לרגל שמחתו הגדולה בקיום מצות **כתיבת ספר תורה** וחגיגת שמחת **הכנסת ספר תורה**
לבית מדרשינו **אהל מרדכי** בקרית יואל יצ"ו - ביום ד' **בהעלותך** הבעל"ט
לע"נ חותנו הרבני החסיד ר' **נפתלי צבי** בן ר' **אברהם אבא** ע"ה גאלדבערגער
ובזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה


## באור פני מלך

פניני עבודה על פרשת השבוע


המדור הזה נתנדב ע"י מו"ה **שמואל אליעזר ראזענצווייג** הי"ו (קרית יואל)
לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן


### קשוט עצמך ואח"כ קשוט אחרים

**נשא את ראש בני גרשון גם הם.**

כבר עמד רש"י הק' על תיבות 'גם הם' דלכאורה הוא מיותר.

ויבואר על פי שאמר הבעש"ט הק' כי כאשר האדם רואה דבר עוולה בחבירו, דומה לאדם המסתכל במראה, שרואה את מעשי עצמו, כן כאשר רואה מעשה עול בחבירו, הרי זה מורה שיש גם בו שמץ מעבירה זו, וצריך להתעורר מזה לפשפש במעשים, ומעשה היתה אצל הבעש"ט הק' אשר ראה פעם אחת שאחד חילל את השבת, והתבונן למה הראו זאת מן השמים, עד שנזכר שראה מעשה כשבזוי תלמיד חכם ולא מיחה בדבר, ולפי מדרגתו נחשב כפגם של חילול שבת, כי תלמיד חכם היא בחינת שבת.

ודברים אלה רמוזים במה שאמרו חז"ל קשוט לעצמך ואח"כ קשוט אחרים, כי בבוא האדם לקשט אחרים, לעורר אותם על תיקון מעשיהם, צריך תחילה למצוא חסרון זה בעצמו, ולקשט את עצמו בענין זה, ואז אפשר לו לקשט אחרים.

ובזה יבואר מה שאמר הכתוב נשא את ראש בני גרשון 'גם הם', שכאשר הצדיקים באו ל'נשא את ראש בני גרשון' הרומז לאלה המגורשים ומרוחקים מן הקדושה, צריכין הם עצמם לנשא את ראשם יחד עמהם, וזהו 'גם הם' שגם הם יתעוררו מזה לפשפש במעשי עצמם, ויחד עם בני גרשון, ינשאו גם את ראשם.

(פתג"ק נשא)

### נשיאות כפים הוא להמתיק הדינים לחסדים

**דבר אל אהרן ואל בניו לאמר כה תברכו את בני ישראל.**

בזוה"ק (ח"ג קמ"ה:) האריך לבאר הענין של נשיאת כפים של הכהנים, שעל ידי עבודה זו הם ממתיקין הגבורות בחסדים, כי כהני אתי מסטרא דימינא, דאיהו מדת החסד, כמו שכתוב (דברים ל"ג ח') תומיך ואוריך לאיש חסידיך, כמו מיכאל השר הגדול דאיהו מלאך של חסה, והוא הכהן גדול של מעלה, כן כהן גדול דלתתא אתי מסטרא דחסד, ולא אשתכח מסטרא דדינא, ובגין כך כתיב דבר אל אהרן ואל בניו לאמר כ"ה תברכו, מאי טעמא משום דאקרון חסידים, וכתיב (תהלים קמ"ה י') וחסידיך יברכוכה, 'יברכו כ"ה', ולכן בשעתא דפרסין כהני ידיהו, בעי לזקפא ימינא על שמאלא,

המשך בע' ג


פרנס פעולות האיחוד
לחודש סיון
נתנדב על ידי נגידים החשובים תומכי תורה וחסידות ראשונים לכל דבר שבקדושה למען קהילתינו ומוסדותינו הקדושים
ידידנו היקרים **משפחת מערמעלשטיין** החשובה והנכבדה
לעילוי ולטובת נשמות הוריהם
אביו/זקינם הרה"ח ר' **חיים נחום** בן ר' **יהודה** ז"ל - חותנו/זקינם הרה"ח ר' **צבי ארי'** בן ר' **ישראל** ז"ל
תהא נשמתם צרורה בצרור החיים אמן
אשריך וטוב לך! הזכותים אדירים יעמדו לך ולזכותך!
מה טוב חלקך וחבלך בזה ובבא!
בכבוד רב
הנהלת איחוד תלמידי וחסידי טאהש
בשם כלל אנשי שלומינו

# שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן מתורתו של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעועכי"א

**מֵעֵין עולם הבא יום שבת מנוחה, אויך די עולם הבא שעפט חיות און שפע פון קדושת שבת קודש.**

(דב"ק ח"ב קי"ג)

# דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באדיש

וידבר ה' אל משה לאמר, נשא את ראש בני גרשון גם הם לבית אבותם למשפחותם, פרעגן די מפרשים, פארוואס שטייט לאמר, ער האט דאך נישט געברויכט צו זאגן דא פאר די אידן גארנישט, ער האט נאר געברויכט אזוי צו טאן, נשא את ראש בני גרשון.

טייטשן די ספרים הק' אין דעם פארשידענע הייליגע טייטשן על דרך המוסר.

מ'דארף וויסן, אז די אלע זאכן וואס מ'זאגט על פי דרכי המוסר, איז א חלק פון די תורה אליין, איין חלק פון די תורה איז דער לימוד המוסר, ווי דער פסוק זאגט (משלי ו' כ"ג) נר מצוה ותורה אור ודרך חיים תוכחת מוסר, דאס זענען די חלקי התורה, די מצוה, די תורה, און די מוסר שבו. דער של"ה הק' האט געבויעט זיין ספר אויף דעם פסוק, ביי יעדע מצוה איז ער מבאר דעם חלק המצוה, דעם חלק התורה, און דעם חלק פונעם דרך חיים תוכחת מוסר.

און דער חלק המוסר איז נאך מער, אז ס'איז אויך דער קיום פון די גאנצע זאך, פון די גאנצע תורה, אזוי זאגט דער פסוק, שמע בני מוסר אביך ואל תטוש תורת אמך, אויב דו וועסט צוהערן מוסר אביך, וועסטו נישט פארלאזן תורת אמך, ווייל כדי ס'זאל זיין אל תטוש, דארף זיין שמע בני מוסר אביך, אן מוסר ווייסט מען דאך גארנישט וואו מ'האלט, מוסר איז טייטש איבערגעבן, מיטן לימוד המוסר גיבט מען איבער די תורה, מ'גיבט צו פארשטיין ווי אזוי מ'דארף עס היטן.

על כל פנים, טייטשן צדיקים דא, אז בני גרשון איז מרמז אויף די אידן וואס זענען פארטריבן אין גלות, מיר זענען דאך אלע אין גלות, קודם איז יעדער מענטש ביי זיך אליין אין גלות, ער איז נרדף פונעם יצר הרע, און מ'איז אין גלות צווישן די אומות, וואו מ'וואוינט איז מען אלץ אונטער די אומות, און אידן אליין צווישן זיך זענען אויך אין גלות, מ'פארטראגט זיך נישט אזוי גרינג, אזוי זענען דא פארשידענע בחינות גלות, ס'שטייט אז וואו מ'איז, זענען דא ארבע גליות, פיר בחינת פון גלות ביי יעדן מענטש.

זאגט די תורה הק' א ציווי פאר משה רבינו, דאס מיינט דער צדיק פון יעדן דור, 'נשא את ראש בני גרשון', די אידישע קינדער וואס זענען פארטריבן אין גלות, זאלסטו זיי אויפהייבן, 'את ראש', זיי זאלן זיין בבחינת ראש, בבחינת ישראל, וואס איז נוטריקון לי ראש. דאס הייסט, זיי זאלן אין גלות אויך קענען זיך שטארקן אויפן יצר, און מקיים זיין די תורה ומצות ווי ס'דארף צו זיין, מיט מוחין דגדלות, דאס הייסט בחינת ראש, דארף דער צדיק אריינשיינען אין זיי, ער זאל זיי נישט לאזן פארפאלן גיין, פארשלאפן ווערן.

ווי אזוי קען מען דאס מאכן, זאגט דער פסוק, 'לבית אבותם', יעדער איד האט אין זיך איינגעפלאנצט א שורש פון די אבות, די אבות מיט זייער מסירות נפש, האבן אריינגעלייגט א שורש אין יעדן איד, דאס איז דער כח פון די נקודה הפנימית, וואס מיט דעם כח איז יעדער איד גרייט זיך מוסר נפש צו זיין פארן אייבערשטן, אז א מענטש איז דבוק צו דעם כח, קען ער בייקומען אלע נסיונות פונעם גלות. דארף מען אויפהייבן אידן לבית אבותם, זיי זאלן זיין דבוק צו דעם שורש פון די אבות וואס ליגט אין זיי, דורך דעם קען זיין נשא את ראש, קענען זיי אין גלות אויך זיין בבחינת ראש.

אויף דעם זאגט דער פסוק, 'לאמר', ווען ס'שטייט 'דבר אל בני ישראל', איז דאס א ציווי אויף דעמאלטס, איך הייס דיר זאגן די זאך פאר די אידן, אבער 'לאמר' איז טייטש, ס'איז צום זאגן, נישט אז דו דארפסט עס יעצט זאגן, נאר איך בין דיר מגלה די מצוה, און דאס איז צום זאגן אויף שפעטער אויך, דעמאלטס האט דאס געמיינט די פשטות, מ'זאל שטעלן די בני גרשון, און שפעטער טייטשט זיך עס אויף אן אנדערן אופן, אויף די אידן אין גלות, מ'זאל זיי אויפהייבן, דאס טייטש 'לאמר', זאלסטו וויסן אז ס'איז נוגע לדורות אויך, ס'איז נוגע בכל מקום ובכל זמן.

און אזוי זענען אלע מצות התורה נוגע לכל אדם בכל מקום ובכל זמן, אלץ טייטשט זיך עס ווי אזוי עס מיינט דעמאלטס, ס'זענען דא אין די תורה פיר חלקים, פשט רמז דרוש סוד, און אין יעדע פון זיי זענען דא ששים רבוא פירושים, און יעדע פון די ששים רבוא אליין, ווערט צוטיילט אויף נאך און נאך חלקים, די אלע טייטשן פון צדיקים זענען א חלק פון די ששים רבוא פירושים. נישט ווייל דער צדיק וויל עפעס טייטשן, אדער מאכן א ספר, זאגט ער א פירוש, נאר יעדער פירוש איז נאך א וועג אין די תורה, נאך א עצה, וואס דער אייבערשטער איז חונן דעת פאר דעם צדיק, ווי אזוי דער פסוק איז נוגע אויף יעצט, די ספרים זענען אלע ברוח הקודש געזאגט געווארן. און מיט די ווערטער וואס איז פון זיי געגומען, קען מען נאכדעם טייטשן ווייטער, מדמה זיין מילתא למילתא, און ציען נאך פירושים, די אלע וואס שרייבן נאך פון די צדיקים, און טייטשן מיט דעם ווייטער, מיט די הקדמה פון זיי, איז אלעס א חלק פון די תורה, פון די ששים רבוא פירושים שבתורה.

(עבו"ע שפתי קודש)

# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצחאגן ביים שבת טיש

המדור הזה נתנדב ע"י הרה"ג ר' **יעקב פאגעל** שליט"א (טאהש)
לרגל שמחת נישואי בנו החתן משולם פייש נ"ו - תלמיד ישיבה"ק אוה"ח למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## א תורה אויף די פרשה

### נשא את ראש בני גרשון גם הם.

ווען א איד לערנט תורה דארף ער אינזין האבן אז זיין לערנען זאל קענען אנקומען אויבן אין הימל צו מאכן א נחת רוח פאר'ן אייבירשטן.

זאגט אויף דעם רבי נחום טשערנאבל'ער זי"ע, אז דאס איז דער פסוק מרמז, 'נשא' זאלסט אויפהייבן 'את' די תורה וואס געפינט זיך דערין די אותיות פון 'א' ביז 'ת', 'ראש' צו דער אייבירשטן.

(רבי נחום טשערנאבלער זי"ע)

### כה תברכו את בני ישראל אמור להם יברכך ה' וישמרך.

לכאורה קען מען מדייק זיין אינעם פסוק, אז די אידן רופט מען מיט א לשון רבים 'להם', און די כהנים דארפן בענטשן די אידן מיט א לשון יחיד 'יברכך ה' וישמרך'.

קען זיין א רמז, אז די ברכת כהנים קען נאר חל זיין אויף די אידן אויב עס איז דא שלום און אחדות צווישן זיי, און זיי לעבן אזוי ווי איין מענטש.

(נועם מגדים)

### את עבודת משפחות הגרשוני לעבוד ולמשא.

מען קען מרמז זיין א שיינע כוונה אין דעם פסוק, לויט ווי עס ווערט געברענגט אין ספה"ק אז בשעת די אידן זענען פארטריבן אין גלות, ווערן זיי אנגערופן 'בני גרשון'. און עס איז ידוע, אז כאטש די אידן ליידן טאקע אזויפיל צרות אין גלות, טאר מען זיך ח"ו נישט אפרעדן אויף דעם, נאר מען דארף אלעס מקבל זיין באהבה, און ווייטער דינען דעם אייבערשטן.

דאס זאגט דא דער פסוק, 'זאת עבודת משפחת הגרשוני', דאס איז די עבודה פון די אידישע משפחות וואס זענען נעבעך פארטריבן אין גלות, 'לעבוד' מען דארף ווייטער דינען דעם אויבערשטען בשמחה, 'ולמשא', און מען דארף פארטראגן דעם עול פון גלות, און אלעס מקבל זיין באהבה.

(ערוגת הבושם)

### והתודו את חטאתם אשר עשו והשיב את אשמו.

לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס באניצט זיך דער פסוק קודם מיט א לשון רבים, 'והתודו את חטאתם', און דערנאך מיט א לשון יחיד, 'והביא את אשמו'.

נאר מען קען דאס מסביר זיין, אז רש"י הק' זאגט, אז דער פסוק רעדט זיך פון א מענטש וואס האט געבארגט געלט פון זיין חבר, און שפעטער האט ער געלייקענט אז ער האט נישט געבארגט דאס געלט, און נאכדעם איז ער זיך יא מודה.

די גמרא זאגט אין מסכת בבא מציעא (דף ע"ה ע"ב), אז אויב א מענטש בארגט געלט פאר א צווייטן מענטש און ער פארלאנגט נישט פון דעם לוה אונטער צושרייבען אויף א שטר, איז דער מלוה עובר אויף דעם לאו פון 'לפני עור לא תתן מכשול', ווייל ער איז גורם אז דער לוה זאל אים נישט צוריק צאלן דאס געלט, ווייל אויב דער לוה וואלט געוויסט אז ער האט אונטער געשריבן אויף א שטר אז ער איז שולדיג דער מלוה דאס געלט, וואלט ער קיינמאל נישט געלייקענט אז ער האט געבארגט געלט ביי יענעם, ווייל ער ווייסט אז דער מלוה קען אויפווייזן אז ער זאגט ליגנט.

דאס קען זיין די פשט פארוואס דער פסוק הייבט אן מיט א לשון רבים, 'והתודו את חטאתם', ווייל דעמאלטס רעדט דער פסוק פון דער לוה צוזאמען מיט דער מלוה, וואס זיי האבןביידע געזינדיגט, דער לוה האט געזינדיגט מיט'ן לייקענען, און די מלוה האט געזינדיגט מיט'ן בארגן דאס געלט אן א שטר, איבער דעם דארפן זיך ביידע מתוודה זיין, אבער שפעטער רעדט די פסוק נאר צו דעם לוה, 'והשיב את אשמו' ער זאל צוריק געבן די געלט דעריבער שטייט דארט א לשון יחיד.

(מלא העומר)

### יתן ה' אותך לאלה ולשבועה.

לכאורה איז זייער שווער, פונעם אויבערשטען גייט דאך נישט ארויס קיין שלעכטס, 'מאתו לא תצא הרעות'.

ענטפערט דער קדושת לוי, אז עס איז דא צוויי וועגן וויאזוי דער אייבישטער שטראפט די רשעים. ס'איז דא אמאל ווען ער שטראפט באהאלטן און קיינער ווייסט נישט, אבער אמאל שטראפט ער אפן ווען יעדער האלט מיט, און דאס איז למעשה א חסד פאר יענעם באטראפענדן, ווייל דורך דעם האט זיין נשמה א עלי', אז דורך אים איז נתקדש געווארן שם שמים ברבים. דאס איז אויך פשט ביי די שירה 'וירא ישראל את היד הגדולה', לכאורה איז שווער ווייל יד הגדולה גייט אייביג ארויף אויף חסד, און וואספארא חסד איז געווען ביי די מצריים, אויף דעם ענטפערט די פסוק 'ויראו העם את ה"' ממילא איז דורך זיי געווען א קידוש השם, דאס איז די חסד וואס דער באשעפער האט געטוהן מיט זיי.

און דאס איז אויך פשט דא, 'יתן ה' אותך לאלה ולשבועה בתוך עמך כו"', און דאס איז א חסד פאר איר, אז דורך איר ווערט נתקדש שם שמים און דאס איז די חסד פונעם אויבערשטער.

(קדושת לוי)

המשך מע' א

כדי להגביר ימינא על שמאלא להמתיק גבורות בחסדים, ועל ידי זה נבען מבועין לכלהו עלמין, ומתברכין ומתשקיין כלהו, עכת"ד הק'.

הרי לנו מזה, כי זאת היא עבודת הכהנים, להמתיק הגבורות, ולהפכם לרחמים וחסדים, וזהו הענין שמצינו (ב"ב ק"ס:) דכהנים קפדנים הם, כי מפני שעבודתם להפוך הגבורה והדין לחסד, לכן ניתנה להם גם מדת הקפדנות שהיא משורש הגבורה, כדי שיעבדו להפוך מדה זו לסטרא דימינא, על ידי שישתמשו בה לצד הקדושה, וזהו הטעם במה שאמרו חז"ל (ברכות ל"ב:) כל כהן שהרג את הנפש לא ישא את כפיו, דכיון שהרג את הנפש, הרי השתמש במדת הקפדנות והכעס שלו לצד השמאל והקליפה, ובזה הפך הקערה על פיה, כי במקום להגביר סטרא דימינא על שמאלא הגביר שמאלא על ימינא.

(דב"ק פנחס)

# זהירות ביי עסענווארג

## אוכלים ומשקין שתחת המטה (א)

### א

### שאלה: ווי איז די מקור אז מען טאר נישט עסן מאכלים ומשקאות וואס זענען געלעגן אונטער א בעט?

**תשובה:** שטייט אין די גמרא (מסכת פסחים קי"ב ע"א) מיט דעם לשון: "אוכלין ומשקין תחת המטה, אפילו מחופין בכלי ברזל, רוח רעה שורה עליהם", עסענווארג און געטראנק וואס זענען אונטער א בעט, אפילו זיי זענען צוגעדעקט מיט א אייזענע כלי, רוהט אויף דעם א רוח רעה. און דאס קען שאטן פארן מענטש.

און אזוי שטייט אויך אין ירושלמי (פ"ח דתרומות דף מ"ג ע"א ובפ"ב דע"ז דף י"ב), אז רבי אמי האט געזאגט מען דארף חושש זיין אויף דעם וואס מענטשן זאגן, און איינע פון די זאכן איז, אז מען זאל נישט לייגן א געקעכטס אונטער א בעט, ווייל אונטערן בעט רוהט א רוח רעה, און דאס קען ארויף גיין אויף די געקעכטס, און דאס קען שעדיגן, (הרי"ף והרא"ש פ"ב דמסכת ע"ז סוף דף ל', הביאו את הירושלמי).

# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל אשר עדיין לא ראו אור הדפוס

מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

## שיטת הרמב"ם

דער רמב"ם שרייבט (פי"ב מהל' רוצח ושמיה"נ הל' ה') די טעם פארוואס מען טאר נישט עסן מאכלים ומשקאות וואס זענען געלעגן אונטערן בעט, ווייל עס קען אריין פאלן אין די מאכל א שעדליכע זאך, און מען וועט דאס נישט באמערקן, און מען קען צו קומען צו א סכנה. און לויט דעם טעם קומט אויס אז אויב די מאכל איז גוט צוגעדעקט, מעג מען דאס עסן.

דער ראב"ד וואונדערט זיך אויפן רמב"ם, ווייל אין די גמרא שטייט קלאר אז די קפידא איז אפילו ווען די מאכל איז צודעדעקט מיט א אייזענע כלי, און די טעם איז ווייל אונטערן בעט איז דא א רוח רעה, און דאס קען שעדיגן אפילו עס איז צוגעדעקט.

און אזוי וואונדערט זיך אויך דער פרי חדש (יו"ד סי' קט"ז) אויפן רמב"ם, און ער ברענגט א ראיה קעגן רמב"ם פון דעם וואס שטייט אין די גמרא (בבא בתרא דף נ"ח) אז תלמידי חכמים זענען מקפיד און האלטן נישט אונטערן בעט קיין שום זאך, אויסער זייער סנדל [שיך], און לויטן רמב"ם וואלטן זיי געמעגט האלטן אונטערן בעט אפילו מאכלים ומשקאות וואס זענען צוגעדעקט, פון דעם זעט מען אז די טעם איז ווייל אונטערן בעט, איז דא א רוח רעה, דעריבער האבן זיי גארנישט געוואלט האלטן אונטערן בעט. (ועיין בשו"ת תשורת ש"י מהד"ת סוף סי' קט"ז מה שכתב להליץ על הרמב"ם).

## הלכה למעשה

אין שלחן ערוך (יו"ד סימן קט"ז ס"ה) ווערט גע'פסק'נט, אז מען זאל נישט לייגן אונטער א בעט נישט געקעכטס און נישט געטראנק, אפילו עס איז צוגעדעקט [ש"ך], ווייל א רוח רעה רוהט אויף דעם, און דאס איז נישט אזוי ווי דער רמב"ם.

### ב

### שאלה: וואס איז די טעם פארוואס עס איז דא א רוח רעה אויף די מאכלים ומשקאות וואס זענען אונטער א בעט?

**תשובה:** דער ספר תורת חיים (שבועות ט"ו ע"ב) שרייבט די טעם, ווייל די חיצונים ווילן באפאלן דעם מענטש, און כל זמן ער איז אויף, קענען זיי נישט האבן א שליטה אויפן מענטש, וויבאלד די נשמה פון א איד איז הייליג, אבער בשעת א מענטש שלאפט גייט די נשמה ארויף אין הימל, און דעמאלסט דארף מען חושש זיין אז די חיצונים זאלן חלילה נישט האבן א שליטה אויפן מענטש, און דאס איז דער טעם פארוואס איינער וואס ווערט נפטר פון די וועלט, ווערט טמא א טומאת מת, וויבאלד די נשמה איז ארויס פון אים, און די חיצונים קלעבן זיך אן אין אים.

פירט אויס דער תורת חיים, אז וויבאלד ווען א מענטש שלאפט גייט ארויף אויף אים א זעכציגסטל פון די מיתה, דעריבער קענען די חיצונים האבן א שטיקל שליטה אין אים, און צוליב דעם דארף מען זיך וואשן נעגל וואסער ווען מען שטייט אויף פון שלאף, כדי אראפ צו נעמען די טומאה, דעריבער ווען עס געפונט זיך אונטער זיין




בעט מאכלים אדער משקאות, גייט ארויף אויף דעם פון די טומאה, און דאס קען חלילה שאטן.

### ג
## שאלה: איז שייך די קפידא אויף היינטיגע צייטן, וואס מען הערט בכלל נישט אז דאס זאל שאטן פאר א מענטש?

**תשובה:** הרה"ק רבי צדוק הכהן פון לובלין שרייבט, אז ער האט בקבלה, אז היינטיגע צייטן דארף מען נישט מחמיר זיין צו עסן מאכלים וואס זענען געלעגן אונטער א בעט, ווייל די רוח רעה טרעפט זיך נישט אין היינטיגע צייטן (שו"ת תפארת צבי סימן צ"א, ועיין ערוך השלחן סעיף יא).

אבער אין ספר נחלת אבות, [א אייניקל פונעם ברידער פון גר"א] (כ"ח ע"ב) שטייט מיט דעם לשון: מען דארף שטארק אכטונג געבן, נישט צו לייגן קיין שום מאכל אונטער א בעט, אפילו דרך עראי, ווייל עס איז א סכנה, און אפילו איר ווערט זען בחוש אז דאס שאדט נישט פאר קיין שום מענטש, זאלט איר וויסן מיינע קינדער, אז דאס שאדט נישט נאר אויף די גוף, נאר דאס שאדט פארן נפש פונעם מענטש מער ווי אויף די גוף, און די הייליגע ווערטער פון די חכמים זענען ווי ברענעדיגע קוילן וואס קענען פאברענען דעם מענטש פונעם גוף ביז'ן נפש, דעריבער דארף מען אכטונג געבן אין דעם אויך היינטיגע צייטן, כדי עס זאל נישט שאטן פאר די נפש.

### ד
## שאלה: איז דא א חילוק צי די עסנווארג איז אויפגעדעקט אדער צוגעדעקט, אדער געסילט, ווי למשל אין א געסילטע קען א.ד.ג.?

**תשובה:** מיר האבן שוין פריער דערמאנט אז אין די גמרא שטייט בפירוש אז די קפידא איז אפילו ווען די עסנווארג געפונט זיך אין א צוגעדעקטע אייזענע כלי, און כאטש אין שלחן ערוך שטייט נישט בפירוש אז די קפידא איז אויך ווען די מאכל איז צוגעדעקט, אבער דער ש"ך (ס"ק ד') שרייבט אויפן מחבר אז די קפידא איז אפילו ווען עס צוגעדעקט, (וכ"כ בשו"ע הרב ס"ז, חכמ"א כלל ס"ח ס"ג ועוד, ובשו"ת לבושי מרדכי תנינא סי' י"ט מצרף סניף להקל כשמכוסה).

## ווען די מאכל איז געסילט

עס איז דא ווער עס שרייבט, אז וויבאלד די גמרא זאגט אז די קפידא איז אפילו "מחופין בברזל" אפילו עס איז צוגעדעקט מיט א אייזענע כלי, און די גמרא זאגט נישט אז די קפידא איז אפילו "צייר וחתים", דאס מיינט אפילו עס איז גוט געסילט, אזוי ווי די גמרא שרייבט ביי די הלכה פון אייער וואס האבן גענעכטיגט אן קיין שאלאכטץ איבער נאכט, איז משמע אז ביי די הלכה פון א מאכל וואס איז געלעגן אונטער א בעט, איז נישטא די קפידא ווען עס איז געסילט (אפרקסתא דעניא יו"ד סימן קמ"ד).

אין שו"ת רב פעלים (ח"ב יו"ד סי' י"ג) האט אויך נוטה געווען פון אנהייב אז וויבאלד די גמרא זאגט אז די קפידא איז אפילו ווען עס איז צוגעדעקט, איז משמע אז אויב עס איז גוט געסילט, איז נישט דא די קפידא, אבער למעשה פירט ער אויס אז מען דארף מחמיר זיין אפילו ווען עס איז גוט געסילט (וכ"כ בשו"ת פרי השדה ח"ג סימן קנ"ט).

און אזוי האבן טאקע די פוסקים אנגענומען להלכה, מחמיר צו זיין אפילו עס איז געסילט, און אפילו עס ליגט אין צוויי כלים, כיס בתוך כיס.

### ה
## שאלה: די גמרא זאגט אז די קפידא איז אפילו די מאכל איז צוגעדעקט מיט א אייזענע כלי, וואס איז די הלכה אויב עס איז צוגעדעקט מיט א כלי פון א אנדערע מאטריעל, ווי למשל: א גלאזענע כלי, אדער פון האלץ, חרס, פלעסטיק, א פאפירענע בע"ג א.ד.ג.

**תשובה:** פון אלע פוסקים זעט מען אז די קפידא איז ביי אלע סארטן כלים, און עס איז נישט קיין חילוק פון וועלכע מאטריאל די כלי איז.

און דאס וואס די גמרא כאפט אן אפילו א אייזענע כלי, דאס איז ווייל די הלכה איז, אז מאכלים ומשקאות וואס זענען אויפגעדעקט ביי די תקופת טבת, איז א סכנה צו עסן, אויסער ווען עס איז געלעגן אין א אייזענע כלי, וואס דאס איז מציל די מאכלים פון א סכנה, איבער דעם זאגט די גמרא אז ביי די הלכה פון מאכלים ומשקאות וואס זענען געלעגן אונטער א בעט, העלפט נישט אז עס ליגט אין א אייזענע כלי, און כל שכן ווען עס ליגט אין אנדערע סארטס כלים.

## כלי חרס

דער שו"ת מהר"ם בריסק (סי' י'), איז מחדש אז אויב עס ליגט א מאכל אין א צוגעדעקטע כלי חרס, איז נישט שייך ביי דעם די קפידא, און זיין ראיה איז, ווייל די גמרא זאגט מחופין בכלי ברזל, איז משמע אז אין א כלי חרס איז נישט שייך די קפידא, און ער לייגט צו א טעם פארוואס איז א כלי חרס איז אנדערש, ווייל דער תורת חיים שרייבט אז די טעם פון די קפידא איז ווייל בשעתן שלאפן גייט ארויס די נשמה און ער באקומט א זעכציגסטל פון די מיתה, און ווען מען שלאפט העכער די עסן גייט ארויף די טומאה אויף די עסן און דאס שאדט זעה אויבן (שאלה ב'), און די הלכה איז אז א כלי חרס אויב עס איז צוגעדעקט מיט א דעקל גייט נישט אריין די טומאה אין די כלי, דאס זעלבע איז אז אויב עס ליגט א מאכל אין א צוגעדעקטע כלי חרס, גייט נישט אריין די טומאה, און מען מעג דאס עסן.

## המשך יבוא אי"ה

ובמקהלות רבבות, יחד כולם הודו בשירי ידידות, בקול נעים ארנן בזמירות, אמע"כ חברינו, מזמור שיר למנצח בנגינות, שמך אכבד בשירי ידידות, מלא מדע וחכמה בתורה ובעבודה ובחסידות, מכבד את ה' מגרונם בתמידות, בקול רם ובתוף וכנור יזמרו זמירות, הלא הוא
מוה"ד **אליעזר זוסיא סג"ל קרויס** הי"ו
לרגל נישואי בתו
עב"ג החתן **שלמה זלמן הערשקאוויטש** נ"י למז"ט
מחשובי תלמידי ישיבתינו הק' אוה"ח
יקום פרקן מן שמיא, שתזכו לראות בנים ובני בנים עוסקין בתורה ובמצוות לשמה, וישפע להם משמי מעל רב חיי"א ורב חינ"א ורב חסד"א ברוב סייעתא דשמיא ואך טוב וחסד עדי נזכה בקרוב שיולכינו כ"ק מרן רבינו שליט"א לקראת משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.
**המברכים: חברי מקהלות המנגנים**

# פתיחת כלים בשבת

בו יתברר האיך לפתוח בשבת כל מין כלי כדרכו ואופנו
נכתב ע"י הרה"ג ר' **נתן ירמי' גאלדשטיין** שליט"א בעל מח"ס מגדנות נתן

**המשך משבוע העבר**

**עצה ג:** מען קען בעטן א גוי זאל עס עפענען.

**אין א שעת הדחק** וואס מען דארף זייער וויכטיג האבן די פלעשער אפן (וו.צ.ב. ווין פאר קידוש, אדער ביי א שמחה וואו עס איז נישטא קיין אנדערע געטראנקן), **און מען קען נישט טון קיין איינע פון די דריי דערמאנטע עצות, קען מען בדיעבד מקיל זיין צו עפענען מיט א שינוי** (למשל אנשטאט צו אנהאלטן די פלעשל און דרייען די דעקל, זאל מען אנהאלטן די דעקל און דרייען די פלעשל אונטער דעם), **און נאכן עפענען** גלייך אוועקווארפן דאס דעקל.

## סעיף ב

**פלעשער טרונקן** (צ.ב. סאדע, גרעיפדזשאוס, א.ד.ג.) **וואס האבן א פלעסטיק דעקל, פון וועלכע עס ברעכט זיך אפ א שטיקל בשעת'ן אויפמאכן** (סיי אזעלכע דעקלעך וואס ברעכט זיך אינגאנצן אפ, און סיי אזעלכע וואס בלייבן אביסל באהאפטן אזוי ווי מען מאכט אין אייראפע)**.**

אין דעם איז דא א מחלוקת הפוסקים[1] (אסאך גרויסע פוסקים זענען מתיר צו עפענען פלעסטיק דעקלעך, אבער אנדערע פוסקים זענען מחמיר אז אויך פלעסטיק דעקלעך טאר מען נישט עפענען). **הלכה למעשה** ווער עס איז מקיל האט זיך אויף וועמען צו פארלאזן[2] [דאס איז נאר ביי געוועהנליכע דעקלעך וואס עפענען זיך גרינגערהייט. אבער אזעלכע דעקלעך וואס מען דארף נוצן א באזונדערע אנשטרענגונג עס צו עפענען[3], דארף מען מחמיר זיין עס נישט צו עפענען צום ערשטן מאל שבת]. **אבער מיר האבן** שוין געשריבן אנפאנגס ספר, אז עס איז אלעמאל כדאי צו עפענען אלע דעקלעך פון ערב שבת.[4]

ווער עס האט פארגעסן אדער נישט געקענט עפענען פון ערב שבת, און ער וויל מחמיר זיין אזוי ווי די פוסקים וואס האלטן אז מען טאר עס נישט עפענען שבת, איז דא פיר עצות וואס מען קען טון:

**עצה א:** עפענען נאר אביסל, אז די אונטערשטע שטיקל פלעסטיק זאל זיך נישט אפרייסן פונעם דעקל, און אזוי גיסן מיט א האלבע פארמאכטע דעקל.

**עצה ב:** מען זאל מאכן א לאך אינעם דעקל פאר מען עפנט עס, און נאכן עפענען זאל מען עס נישט צוריק צומאכן, נאר מען זאל אוועקווארפן דאס דעקל און עס מער נישט נוצן.

**עצה ג:** מען קען בעטן א גוי זאל עס עפענען.

**עצה ד:** קען מען בעטן פון א חבר וואס ער פארלאזט זיך יא אויף די מקילים, אז ער זאל עס עפענען.

## סעיף ג

**א פלעשל מיט אן אייזערנעם דעקל, און אינעווייניג אינעם דעקל איז דא א שטיקל פלעסטיק וואס איז נישט באהאפטן צום דעקל, אבער ווען מען עפנט אויף דעם דעקל צוברעכט זיך די שטיקל פלאסטיק פון אינעווייניג.**

מען מעג דאס עפענען שבת.[5]

---

1 עס איז א שאלה פון מתקן מנא, ווייל ער פארערכט די דעקל, זעה אויבן סעיף א' הערה א'.

2 ועי' בספרינו פתיחת הכלים בלשה"ק שהארכנו בזה.

3 "שווערער צו עפענען" מיינט נישט ביים ערשטן דריי ווען מען פאנגט אן צו עפענען - נאך פאר די שטיקל הייבט זיך אן צו אפברעכן (ווייל דעמאלטס איז עס שווער צו דרייען נאר וויבאלד עס איז זייער שטארק פארמאכט), נאר עס מיינט אז ביים צווייטן אדער דריטן דריי בשעת די דעקל ברעכט זיך אפ פונעם שטיקל דארף מען נוצן אסאך כח.

4 עס איז דא א פראקטישע וועג צו עפענען סעלצער פלעשלעך א.ד.ג. פאר שבת אז עס זאל נישט אויסוועפן, דורך ארומשניידן מיט א מעסער דארט וואו דער דעקל איז באהאפטן צום אנדערן שטיקל. אזוי דארף מען נישט פאקטיש 'עפענען' דעם דעקל.

5 וויבאלד ער צוברעכט נאר די שטיקל פלעסטיק וואס איז נישט א כלי, ממילא איז נישט דא קיין איסור. ווייל נאר א 'כלי' טאר מען נישט צוברעכן שבת, אבער א שטיקל פלעסטיק וואס איז נישט קיין כלי מעג מען צוברעכן, אזוי ווי עס ווערט ערקלערט אין פרק א' סעיף ה'.

# מאור התורה

ציצים ופרחים על עניני הפרשה

## כל הבא לעבוד עבודת עבודה ועבודת משא באוהל מועד

רש"י הק' ברענגט א דרשת חז"ל פון מסכת ערכין (דף י"א ע"ב), אז עבודת עבודה גייט ארויף אויף די מצלתים וכנורות, וואס דאס איז אן עבודה פאר אן אנדערע עבודה, פון דא זעהט מען אז די ענין פון שירה איז זייער א גרויסע זאך.

דער הייליגע אהבת שלום האט געזאגט אז די עיקר שורש און מקור צו נגינה, קומט פון די כח פון די לוים, ווען זיי זענען געשטאנען אויף די דוכן און געזינגען שירות ותשבחות פאר'ן אייבערשטן און דורך דעם אויפגעוועקט די הערצער פון אידישע קינדער און זיי צוריק מקרב געווען צום אייבערשטן, די זעלבע איז אויך היינטיגע צייטן, ווען אידן זינגען ניגונים און זיי זענען זיך מעורר צו ווערן נענטער דורכדעם צום אייבערשטן, דאס אלעס איז נאך מיט די כח פון די לוים, און דאס איז מרומז אין זייער נאמען 'לויה' וואס דאס איז א לשון פון באהעפטן, וואס דאס איז דביקות אין אייבערשטן, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'וילוו עליך וישרתוך', און אויך איז מרומז אין זייערע נעמען זעלבסט, ווייל די ראשי תיבות פון די נעמען 'ג'רשון ק'הת מ'ררי' איז בגמטריא 'מנגן', דאס איז מרמז אז זיי האבן די כח הנגינה.

*

עס שטייט אין תיקוני זוהר, אז עס איז דא אויבן אין הימל א היכל וואס איז מורא'דיג הויעך, גבוה מעל גבוה, וואס דאס הייסט היכל הנגינה, און אלע נשמות פון דארט זענען נשמות פון הייליגע אידן וואס זינגען שירות ותשבחות פאר'ן מלך יוצר כל, און זיי זינגען דורך די שם אקי"ק במילוי אלפי"ן, וואס דאס גיבט שפע פאר די היכל, וואס דאס איז גימטריא קמ"ג כמנין 'מנגן', און די שם האט אריינגעשיינט אין די משפחות פון די לוים, בשעת זיי זענען געשטאנען אויף די דוכן און געזינגען שירה.

*

עס שטייט אין די משנה אין מסכת שבת (דף נ"א ע"ב), כל בעלי שיר יוצאין בשיר ונמשכין בשיר ומזין עליהן וטובלין במקומם.

טייטשט דער הייליגע חוזה פון לובלין זי"ע אריין אין די משנה 'יוצאין בשיר' שיוצאין מכל רע ח"ו בשיר, 'ונמשכין בשיר', אז מען ווערט נאנט צום אייבערשטן דורך די שיר, 'ומזין עליהם בשיר', לשון מזונות ווייל דורכדעם וואס די גבורות גייט אוועק דורך תשובה קומט פרנסה, 'וטובלין במקומן', אז שירה איז גערעכנט ווי א מקוה.

*

רבינו הק' זי"ע זאגט אין עבודת עבודה, אז בשעת מען זינגט שירות ותשבחות, קען א מענטש ווערן זייער דערהויבן, ווייל א ניגון האט א כח צו אויפוועקן די נקודה פנימית פון א מענטש, און אלע זיינע הרגשים ווערן נתעורר דורך דעם, און אזוי קען מען נענטער ווערן צום אייבערשטן, און דאס איז די טעם פארוואס די בעש"ט האט איינגעפירט זיך צוזאם נעמען שבת צו זינגען זמירות באחדות כאיש אחד בלב אחד, ווייל אזוי האט עס נאך א שטערקערע כח.

און בפרט זמירות אין שבת האט אן עקסטערע כח, אזוי ווי עס שטייט אין תיקו"ז, 'מזמור שיר ליום השבת' די שירות פון שבת האט א כח פון מזמור א לשון פון פארשניידן, אז ס'שניידט אוועק אלע קליפות.

*

עס שטייט אין ספה"ק אמרי נועם אז שבת קען מען נישט בעטן די צרכים, נאר מען קען נאר לויבן דעם אייבערשטן און אזוי ווייסט דער אייבישטער וואס מען דארף, און די אמרי נועם טייטשט עס אריין אין די פסוק 'טרם יקראו ואני אענה עוד הם מדברים ואני אשמע', נאך פאר'ן בעטן נאר עוד הם מדברים זיי זאגן נאך שירות ותשבחות, דעמאלטס גיבט שוין די אייבערשטער וואס מען דארף.

די פארלאפענע שנת תשפ"א, בעת ווען הרבנית הצדיקת מ'האדאס ע"ה איז דאן געווען נישט געזונט, האט מרן רבינו שליט"א דאן מעורר געווען די תלמידי הישיבה בעת די סעודה פרייטאג צונאכטס, אז מען זאל איר אינזינען האבן ביי די ברכה פון 'אתה גבור', זאגענדיג טאקע די ענין, אז א גאנצע וואך ווערט מען געהאלפן פאר א רפואה ביי רפאנו, אבער שבת קודש ווערט מען שוין געהאלפן ביי אתה גבור בשעת מען לויבט אויף רופא חולים.

*



# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיודה"ל חל בשבוע הבעל"ט

## הרה"ק רבי מנחם מענדל מווארקא זי"ע

**דעם קומענדיגן מאנטאג בהעלותך | ט"ז סיון הבעל"ט, געפאלט אויס די יומא דהילולא | קדישא פון הרה"ק רבי מרדכי מנחם מענדל בן הרה"ק רבי יצחק מווארקא זי"ע.**

### ואלה מתולדותיו

דער הייליגער רבי מנחם מענדל מ'ווארקא זי"ע איז געבוירן געווארן אין יאר תקע"ט אינעם דערפל זאריק, צו זיין הייליג טאטע באקאנט אלטס רבי איציקל ווארק'ער.

רבי מענדעל'לע איז שוין פון אלטס אינג קינד געווען מורא'דיג באהאלטן, אפילו פון זיין פאטער פלעגט ער אויסבאהאלטן זיינע הייליגע מדריגות, ווי זיין פאטער פלעגט ניטאמאל וויסן פון ווי עס נעמט זיך צו אים אזעלכע מדריגות גבוהות ורמים.

איבער זיינע אינגע יארן ווערט דערציילט, אז רבי מנחם מענדל פלעגט פארברענגען אינאיינעם מיט זיין ברידער רבי יעקב דוד. אייננמאל איז די מאמע געקומען צו לויפן צום טאטן רבי איציקל זאגענדיג: 'מ'קען מער נישט איבערטראגן דיין מענדל'ס שפיצלעך'. האט זיך רבי איציקל אויפגעשטעלט און זיך אנגערופן צו די רעבעצין: 'קום, אונז וועל מיר זיך צוטיילן מיט די זכות עולם הבא וואס מיר וועלן זוכה זיין בזכות פון אונזערע קינדער, איך וועל נעמען מענדעל'עס זכותים, און דו וועסט נעמען דוד'לס'. האט רבי איציקל אויסגעפירט: 'ביסטו דען מסכים צו דעם???'

רבי מענדעל'ע איז געווען א תלמיד מובהק פון זיין הייליגע פאטער רבי איציק'ל מווארקא, און שפעטער האט ער זיך מקשר געווען צום הייליגן קאצקער זי"ע, און צום הייליגן בעל חידושי הרי"ם זי"ע.

### ס'איז ביטער אבער ס'איז גוט

רבי מענדעל'ע האט נאך בעוד חיי אביו מדריך געווען בהצנע לכת פאר א קלענערע צאל עובדי ומבקשי ה', מיט זיין דרך בעבודת השי"ת.

עס ווערט דערציילט אז דער הייליגער רבי שמחה בונם פון פרשיסחא זי"ע האט שוין פאראויסגעזאגט נאך ווען רבי מענדל'ע איז געווען א קינד, אז ער וועט אויסוואקסן א גרויסע מנהיג ישראל. ומעשה שהיה כך היה:

דער הייליגער רבי איציקל ווארקער האט אמאל מיטגענומען זיינע צוויי קינדער רבי מענדל'ע און רי"ד מ'אמשינוב אויף א באזוך צום הייליגן רבי שמחה בונם מ'פרשיסחא. אנקומענדיג, האט זיי רבי שמחה בונם מכבד געווען מיט משקה וועלכע מ'פלעגט רופן 'אנגעלישע ביר'. נאכן טרינקן האט רבי שמחה בונם געפרעגט פונעם אמשינוב'ער צו ער האט הנאה געהאט פונעם געטראנק, האט ער געענטפערט, 'ס'איז גוט'. דאן האט רבי שמחה בונם געפרעגט פון רבי מענדל'ע, וואס ער זאגט צום געטראנק, האט רבי מענדל'ע געענטפערט, 'ס'איז ביטער, אבער ס'איז גוט'.

האט זיך רבי שמחה בונם אנגערופן צום פאטער רבי איציקל: 'זיכער וועט ער אויסוואקסן א גרויסע מנהיג ישראל'...

אט אזוי איז שפעטער געווען: נאכן פטירה פון זיין פאטער האט רבי מענדל'ע נישט געוואלט איבערנעמען דאס רבנות שטעלע אין שטאט על מקום אביו, טענה'נדיג אז ער איז נישט פאסיג דערפאר, דעריבער האט מען דאן אויפגענומען הרה"ק רבי שרגא פייבל מ'גרינצא זי"ע, וועלכע האט פאר א קורצע צייט געפירט די שטאט ווארקא, ביז צו זיין פטירה א האלבע יאר שפעטער.

נאכן זיך דאן איינבעטן ביי רבי מענדלע'ע צו אנעמען דאס רבנות פאסטן אין שטאט, איז רבי מענדל'ע געקרוינט געווארן באדמור"ת אין שטאט ווארקא, אויפן באפעל, און ברכה פון רבו מובהק דער הייליגער קאצקער רבי זי"ע.

תיכף איבערנעמענדיג דאס רבנות אין שטאט ווארקא, זענען ווי א וואסער פלוס אלפים חסידים אנגעהויבן שטראמען, און אנקלאפן אויף זיין טיר, און פלעגן זיך קלאמערן בצילו הק'.

רבי מענדל'ע האט אויך מיט זיין אייגענארטיגן אופן אין דרך ה', מקרב געווען און מדריך געווען לבבות נשברות לאבינו שבשמים.

### פוילישע נאראנים

ווען מען האט געפרעגט דעם הייליגן רוזשינער זי"ע ווער עס זאל ממלא מקום זיין נאך רבי יצחק מ'ווארקא, האט ער זיי צוריקגעפרעגט: 'פוילישע נאראנים, עטס קענטס נישט די גרויסקייט פון רבי מנחם מענדל??'

### שוב יום אחד

פאר א משך פון 9 יאר האט רבי מענדל'ע געדינט ברבנות אין שטאט ווארקא, ביז צו זיין פטירה, ט"ז סיון שנת תרכ"ח לפ"ק.

די לעצטע שבועות הארט בעפאר זיין פטירה, זענען געקומען צו פארן טויזנטער חסידים צו ווילן און פראוונען דעם יום טוב בצילו הק'. ווען עס איז געקומען אז רבי מענדל'ע זאל זאגן דברי תורה, האט זיך רבי מענדל'ע מיט זיין קורץ לשון געזאגט, 'חז"ל אמרו הוסיף משה יום אחד', און איז געבליבן שטיל, און נאך עטליכע רגעים ממשיך געווען 'מדעתו'.

זיין תלמיד רבי דוב בעריש מ'ביאלא זי"ע, איז געזיצן פונקט אנטקעגן איבער רבי מענדל'ע בשעת די דברות קודש, און איז תיכף ארויסגעגאנגען אינדרויסן, און אויסגעפלאצט אין א געוויין, ווען די ארומיגע חסידים האבן געזעהן זיין ביטערליך געוויין, האט מען אים געפרעגט פשט דערויף, האט ער געענטפערט, אז דער רבי האט מרמז געווען, אז דעם 'איין טאג' וואס משה האט מוסיף געווען איז אקעגן דעם 'איין טאג', וואס מען האט אונז אנגעזאגט פון 'שוב יום אחד לפני מיתתך', און דאס דארף געטוען ווערן 'מדעתו', מען דארף תשובה טון מיט דעת בעפארן נפטר ווערן.

תיכף נאך יום טוב איז רבי מענדל'ע שטארק קראנק געווארן, און איז געפארן זיך היילן אין ווארשא, און דארט איז ער נפטר געווארן לחיי עולם הבא.

איבער זיין פטירה ווערט צוגעצייכנט, אז רבי מענדל'ע איז נסתלק געווארן אום שבת קודש פרשת בהעלותך בשעת קריאת התורה, האלטענדיג ביים פסוק 'ויהי בנסוע הארון', דאן איז געווען יצאה נשמתו בטהרה.

## 'השותק' - דער רבי וואס שווייגט

איינע פון די שטארקע זאכן וואס זענען באוואוסט פון רבי מענדל'ע איז, אז ער פלעגט צו יעדע צייט זיין א 'שותק'. מען פלעגט אים רופן מיטן נאמען 'השותק', דער רבי וואס שווייגט. רבי מענדל'ע פלעגט זייער זעלטן ארויס רעדן א ווארט פון מויל, אפילו אין דברי תורה פלעגט ער רעדן גאר קורץ. די קורצע רייד וואס פלעגט ארויסקומען פון זיין הייליגע מויל, פלעגט זיין טיפזיניגע עמקות'דיגע רייד.

רבו מובהק, דער הייליגער קאצקער האט זיך אויסגעדריקט אויף רבי מענדל'ע: 'אין אומר ואין דברים בלי נשמע קולם ובכל הארץ יצא קום'.

עס ווערט געברענגט אז זיין תלמיד, דער הייליגער רבי אברהם דוב מ'ביאלא זי"ע, פלעגט מפרש זיין רבי מענדלע'ס קורצע דברות קודש באריכות, און די תלמידים האבן זיך באצויגן אויף יעדע ווארט פון זיינע קורצע רייד וואס רבי מענדל'ע האט ארויסגערעדט מתוך מפיו הק', און געבויעט דערויף סברות און בנינים וואס רבי מענדל'ע האט דערמיט מכווה געווען, און אזוי ארויסגעלערנט הדרכה למעשה.

## יראת ה' טהורה

ביי רבי מענדל'ע פלעגן קומען צו פארן טויזנטער חסידים פון ארום גאנץ פוילן, און די שולחנות הטהורות פלעגן זיך פארציען אסאך מאל נאנט צו זעקס שעה, און רבי מענדל'ע איז דורכאויס די גאנצע צייט געזיצן פאר'דביקות'ט, בשעת דעם וואס די גאנצע ביהמ"ד איז געווען שטיל, ווי יעדער האט זיך צוגעקוקט אויפ'ן צדיק'ס העכערקייט, ווי יעדער האט געווארט אויפן מאמענט ווען רבי מענדל'ע וועט עפענען זיין הייליג מויל און משמיע זיין מדברי תורתו.

דער הייליגער קאצקער, האט אמאל געפרעגט פון רבי מענדל'ע, פארוואס ער זאגט נישט קיין תורה פאר זיינע חסידים וועלכע קומען ווילן בצילו.

האט רבי מענדל'ע געענטפערט דעם מאמר חז"ל, אין פסחים כ"ב: 'שמעון העמסוני ואמרי ליה נחמיה העמסוני היה דורש כל אתים שבתורה, כיון שהגיע לאת ה' אלקיך תירא פירש', ע"כ. מיטן קורצן לשון פון רבי מענדל'ע האט ער מכוון געווען צו מרמז זיין, אז צוליב זיין גרויסע יראת ה' וואס ער האט, איז אים אוממעגליך צו עפענען זיין מויל, און זאגן דברי תורה.

*

רבי מענדעל'ע פלעגט יעדן טאג זיך נוהג זיין צו גיין שפאצירן טעגליך. רבי מענדל'עס תלמיד, רבי יחיאל מ'אלכסנדר זי"ע האט געזאגט, אז דאס וואס רבי מענדל'ע גייט שפאצירן יעדן טאג, איז נאר צוליב דעם ווייל עס ברענט אין אים א שטארקע 'יראת שמים', אז ער קען נישט פארבלייבן אין זיין שטוב...

## בקרב קדושים תהלל

רבי יחיאל מ'אלכסנדר זי"ע האט זיך אויסגעדריקט אויף רבי יצחק מ'ווארקא אז ער איז בבחינת אברהם אבינו ע"ה, און אויף רבו מובהק רבי מענדל'ע אז ער איז בבחינת יצחק אבינו ע"ה.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.**

# לוח היארצייטן



### יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

#### זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| י"ז סיון | הרה"ק רבי אהרן בן רבי אשר זי"ע - מ'קארלין - בית אהרן | תרל"ב |
| י"ז סיון | הרה"ק רבי משה בן רבי יוסף צבי זי"ע - מ'מאקאווא - אוהל משה | תש"ד |
| י"ח סיון | הרה"ק רבי ישכר בער בן רבי יצחק זי"ע - מ'ראדאשיץ | תר"ג |

#### זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| ט"ו סיון | הגה"צ ר' אלעזר ארי' בן רבי אשר אנשיל יונגרייז זצ"ל מ'טשענגער | תש"נ | ביה"ח בקרית יואל |
| ט"ז סיון | הרב החסיד ר' יעקב בן ר' מאיר ע"ה פיש | תש"פ | ביה"ח בקרית יואל |
| י"ח סיון | האשה החשובה מרת שפרה ליבא בת ר' דוד יודא ע"ה זוסמאן<br>אשת הרה"ח ר' בנימין זאב ע"ה משב"ק | תשס"ז | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| י"ט סיון | הרב החסיד ר' יצחק בן הרה"ג ר' עוזר הכהן ע"ה פריעד | תשנ"ו | ביה"ח בקרית יואל |

# אהלי מלכים

פסקי הלכות וואס זענען נוגע ווען מ'האט קינדער אינדערהיים
מתוך הספר שעדיין לא ראה אור הדפוס
ע"י הרה"ג ר' **יחיאל מיכל ישעי' מאסקאוויטש** שליט"א חדב"ן מר"ץ

## המשך הלכות תפילין

- די 'כיסוי' וואס מ'לייגט אויפן תפילין של יד - צו היטן אז די ריבוע זאל נישט נתקלקל ווערן - זאל האבן גרויסע לעבער, אז רוב כיסוי זאל זיין מגולה, און בשעת לייגן תפילין זאל עס נישט ליג אויפן תפילין, נאר נאכן ענדיגן לייגן דעם של ראש. רביה"ק אליין האט נישט גענוצט די כיסוי [1].
- נאכן לייגן דעם של יד, האט ער זיך מתבונן געווען צו די תפילין און רצועות זענען גוט געליגט, און אז ס'איז געווען לא הוטבו בעיניו, האט ער אראפגענומען אביסל כריכות, און צוריק געלייגט כדבעי.
- נאכן ענדיגן לייגן דעם של יד, ציט מען אביסל אראפ די ערמל, אז ס'זאל איבערדעקן דעם של יד ,
- ווען ער האט ארויסגענומען די של ראש, האט ער געלייגט נאנט די שי"ן (פונעם קציצה) צו די דל"ת (פון די קשר פונעם של ראש), און ער האט געקוקט אויפן יו"ד (פון די קשר פון די תפילין של יד), אז ס'זאל זיך פארעמען די שם שי"ן דל"ת יו"ד.
- פארן ארויפלייגן אויפן קאפ, האט ער גוט געקוקט אויפן לינקן שי"ן פונעם תפילין של ראש, און דערנאך אויפן שי"ן פון די רעכטע זייט, און דערנאך אויפן דל"ת, און אויפן יו"ד פון די תפילין של יד.
- נאכן לייגן אויפן ריכטיגן פלאץ אויפן קאפ, האט ער געמאכט די ברכה 'על מצות תפילין' הויך אויפן קול. 'מצות' מיט א פתח.
- ער האט מהדק געווען די של ראש מיט די האנט נישט מיט די קאפל. און אזוי האט ער אויך אויסגעלערנט אז א בחור זאל מהדק זיין מיט די האנט דייקא, און נישט מיט די קאפל (ווייל דעמאלטס איז מען נישט מהדק כהוגן).
- ער האט נישט מדקדק געווען אז די תש"ר זאל זיין 'ממש' אינמיטן (והוא עפ"י דברי חיים).
- ער איז שטארק נזהר געווען אז אפילו די תיתורא פון די תפילין זאל נישט אראפקומען אויפן שטערן. (וויבאלד ער פלעגט עס שטארק מהדק זיין צום קאפ, פלעגן זיך די רצועות אויסציען, און ער האט כסדר געבעטן עס קלענער צו מאכן, כדי עס זאל נישט אראפקומען אויפן שטערן).
- נאכן לייגן דעם של ראש, האט ער ארויפגעלייגט די קאפל אויפן מעברתא פון די תפילין.
- און דערנאך אראפגעשלעפט די ערמל 'אינגאנצן', אז ס'זאל צודעקן די תפילין מיט די זרוע. (און אויב א בחור - וואס דער רבי האט געלייגט די ערשטע מאל תפילין - האט געהאט א שמאלע ערמל, און מ'האט נישט געקענט אראפציען, האט רביה"ק אריינגעשניטן אינעם ערמל, כדי עס זאל קענען אראפשלעפן ביז אינטן.
- די רצועות האט ער אריינגעדרייט אין די גארטל פון אונטן אויף ארויף, און ביידע רצועות (די רעכטע און לינקע) זאלן ארויסקומען צו די לינקע זייט, צו די זייט פון די של יד. און א געלינקטער האט ער געהייסן אז ס'זאל ארויסקומען צו רעכטס.
- נאכן ענדיגן הנחת תפילין האט ער נאכאמאל בודק געווען צו אלעם ליגט כראוי, סיי ביים של ראש און סיי ביים של יד.
- און געפרעגט איינעם וואס איז געשטאנען דארט, צו די תפילין של ראש ליגט אויפן גוטן פלאץ.
- נאכדעם האט ער געוואשן די הענט דריי מאל, בסירוגין, מיט א כלי [2].
- ערשט נאכן וואשן די הענט האט ער געזאגט ברוך שם כבוד וכו'. (ווייל לויט הרה"ק מקאמארנא זי"ע זאגט מען בכלל נישט ברוך שם, ממילא האט ער געווארט אביסל).
- נאך ברוך שם האט ער געזאגט די פסוקים: ראשך עליך ככרמל וכו' פותח את ידיך וכו' (אזוי ווי ס'שטייט אין סידור עבודת הלוי) [3]. ביי פותח את ידיך האט ער געקושט די תש"י און ווען ער האט געזאגט 'ומשביע לכל חי רצון האט ער געקושט די של ראש.
- נאכדעם האט ער אראפגענומען די רצועות וואס איז געליגן אויף די כף היד, און געמאכט דריי כריכות אויף די מיטלסטע פינגער, און ביי יעדע כריכה האט ער געזאגט איין חלק פון די פסוקי וארשתיך יעדע מאל א אנדערע וארשתיך.
- איין כריכה אויפן פרק האמצעי און צוויי כריכות אויפן פרק התחתון. און דערנאך א כריכה אויף די ערשטע צוויי פינגער אצבע און אמה. און די איבריגע אויפן האנט.
- די עק רצועה האט ער געמאכט צוויי תחיבות ארום די צוזאמגעדרייטע רצועה, ביי די אינעווייניגסטע זייט. און האט מוסיף געווען א תחיבה אין די תחיבה, עס זאל אויסקומען בצורת יו"ד.
- און געזאגט די פסוק וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך ויראו ממך.
- דערנאך די פרשיות פון קדש, והי' כי יביאך, און געקושט דעם של יד ביי 'והי' לך לאות על ידך' און 'והי' לאות על ידכה', און דעם של ראש ביי 'ולזכרון בין עיניך', און 'ולטוטפות בין עיניך'.
- ביי רוב מקומות האט ער געקושט דעם של יד, דורך אויפהייבן די האנט צו זיך, און צובייגן די מויל צום תפילין און קושן. חוץ ביי ישמחו השמים ותגל הארץ און ביי למען לא ניגע לריק וואס דאן האט ער געקושט דורך אנרירן מיט די האנט.
- ער איז נזהר געווען אז די רצועה זאל נישט זיין איבערגעדרייט אפילו ווען ס'איז שווארץ פון ביידע זייטן.
- די יו"ד פון די של יד זאל בלייבן דבוק צום בית אפילו ווען מ'טוט דאס אויס.
- ער האט מעורר געווען אז מ'זאל בכלל נישט רעדן מיט די תפילין. און ווען ער האט מחמת צורך געדארפט רעדן, האט ער גערעדט אין לשון הקודש בקיצור נמרץ. און אסאך מאל האט ער נישט געוואלט רעדן אפילו אין לשון הקודש נאר געשריבן [4].

## מנהגי רביה"ק בחליצת תפילין

- רבינו זי"ע האט אראפגענומען די כריכות פון די פינגער און האנט פלאך, און אויסגעטון די של ראש מיט די לינקע האנט, און די קשר אנגעכאפט מיט די רעכטע האנט.
- די קשר פון של ראש האט ער געלייגט אויפן מעברתא, און די צוויי זייטן איינגעקנייטשט אונטערן בית, און צוזאמגעלייגט די רצועות ארום די צוויי זייטן.
- אויך בשעת'ן אויסטון די תפילין של יד, איז ער נזהר געווען אז די יוד זאל זיין נאנט צום בית, און האט געמאכט א כריכה אויפן מעברתא, צו גוט מהדק זיין די יוד צום בית, און די גאנצע רצועה געוויקלט ביי די אנדערע זייט פון די יוד.
- די של ראש לייגט מען רעכטס פונעם בייטל, און די של יד אין די לינקע זייט.
- ער האט מדקדק געווען נישט צו לאזן די תפילין אויפן טיש מגולה, און אויב איינער איז נישט נזהר געווען אין דעם האט ער מעורר געווען.

1 בשיח"ק (ח"ב עמ' רפו) 'ויש לעשות באותו בית קטן נקבים מכל הצדדים אבל יש הידור שלא לשים כלל בית זה לכן ראוי ללבוש כתונת שבית ידיה רחבות כראוי כדי שריבוע התפילין לא יתקלקל'.

2 ולא הי' ניחא לי' מאלו הטובלין רק קצות ראשי אצבעותיהם במים, ולכן עפ"י הוראתו לא העמידו כלי עם מים בביהמ"ד, לטבול בהם הידים בשעת התפילה.

3 רבינו אמר פסוקי ראשך עליך ככרמל, אבל לא צוה להבחורים שלבשו תפילין אצלו לאומרו. ובמשך השנים הרגילו עצמם לומר גם פסוקים אלו.

4 אבער מוסר וחסידות האט ער גערעדט באריכות אפילו ער האט שוין אנגעהאט די תפילין.







בסייעתא דשמיא

# מצמיח ישועות

ישועות דורך די תהלים
זאגען פון די תלמוד
תורה קינדערלעך
יעדע ערב ראש חודש
אצל ציון הקדוש של
רביהקוה"ט זצוק"ל

#1

## אומגלויבליך! געטראפן א רחבות'דיגע חתן-כלה דירה אין צענטער פון שטעטל!

א פרישער יונגערמאן דערציילט זיין שטוינענדע געשיכטע:

ווי יעדער איינער ווייסט, הערשט גאר א גרויסער דירות-קריזיס דא אין טאהש, ספעציעל אין קלענערע סייז דירות פאר פרישע פארפעלקער. עס איז זייער שווער צו טרעפן א צוגעפאסטע באקוועמע דירה פאר א נייע פארפאלק נאך די חתונה.

נישט אנדערש איז געווען ווען איך בין א חתן געווארן, מען האט גלייך אנגעהויבן זוכן א פאסיגע דירה, אבער ס'איז אריבער א וואך נאך א וואך, א חודש נאך א חודש, און ערפאלג; עס איז נישט געווען צו געפינען אפילו אייןליידיגע חתן-כלה דירה.

בלית ברירה זענען מיר געגאנגען אונטער די חופה בשעטומ"צ, מיט א קליין, צושטופטע בעיסמענט אלס וואוינונג, האפנטליך בלויז צייטווייליג, ביז מיר וועלן טרעפן עפעס בעסער.

מען האט אבער נישט געקענט ציען דארט צו לאנג, עס איזי געווען ממש באו מים עד נפש צו וואוינען אין אזא לעכל. פונקט דעמאלטס האב איך געהערט עטליכע געשיכטעס פון אידן וואס האבן געזען אפענע ישועות דורכ'ן געבן א נדבה און זיך אויפסיינען ביי "פועל ישועות".

הערנדיג די אלע ערשטהאנטיגע מעשיות, האב איך באשלאסן עס צו פראבירן, כ'האב געגעבן א גרעסערע נדבה פאר "פועל ישועות", און איבערגעגבן אונזערע נעמען מתפלל צו זיין אז מיר זאלן אינגיכן טרעפן א רחבות'דיגע דירה צוגעפאסט פאר אונז.

ווי אומגלויבליך עס הערט זיך איז עס אבער א פאקט: א קורצע צייט נאכ'ן אויפסיינען, האבן מיר אומגעראכטענערהייט באקומען א גאר גוטע פארשלאג פאר א באקוועמע צוויי-בעדרום דירה אין צענטער פון שטעטל, עפעס וואס איז בדרך הטבע נישט שייך צו געפינען אפילו ענליכס דערצו.

אידן פארציילן אפענע ישועות. מיטן נעמען א שותפות אין פועל ישועות קענט איר אויך פארציילן אייערס!

**שליסט אייך אן!**

$100
$54
$36

פועל ישועה

האנדלט זיך איין דעם אומשאצבארע זכות און שטיצט דעם רבינ'ס הייליגע ירושה

845.402.TOSH
8674

TOSH16BH@GMAIL.COM






## לקדש ראשית היום במחשבה דיבור ומעשה

**ז. לקדש את 'ראשית מחשבתו' בהתבוננות בגדלות הבורא וכדו'. ושיהיו 'דבריו הראשונים' דברי קדושה, ובכלל זה למנוע את עצמו מלדבר קודם התפלה** (וראה עוד להלן סימן יא ס"ג)**. וה'מעשה הראשון' יהיה נטילת ידיו כהלכה ז)** [ט].

### מעיינות הלוי

ז) בספר כתר שם טוב (דף כ' ע"ב) כתב, האדם בקומו משינתו שהוא נעשה בריה חדשה, כמו שאמר הכתוב (איכה ג, כג) 'חדשים לבקרים', אם ידבר תחלה דבריו דברי הרשות וכו', אף אם יתפלל ויעסוק בתורה אחר כך, הכל מסתעפים ונמשכים אחר הדיבור הראשון וכו'.

ולכן יזהר האדם שיקדש ויטהר דיבורו הראשון, ויזדכך מחשבתו הראשונה שתהיה דבוקה בקדושה כדי שימשוך אליה כל שאר הדיבורים שאחריה, ואחר כך כשיעמוד בתפלה מתוך שמחה של מצוה, כמו שקידש דיבורו ומחשבתו כנ"ל בודאי יענה בתפלתו, ע"כ.

ובספר עטרת צבי (על הזהר פרשת לך דף עז ע"א) כתב, האדם הירא יקיץ ויתעורר, ורואה עצמו במעלה בחיים חיותו, אשר עוד בו נשמתו והוחזרה לו מן בעל הפקדון באמונה ולא נשאר ניים ושכיב, צריך תיכף בקומו לסדר במחשבתו כל עניניו ותנועותיו ומעשיו ודיבוריו וכל עסקיו, אשר יתייחדו על רושם שמו יתברך, ע"כ.

ובשלחן הטהור (סי' א זר זהב סק"ז) כתב, כבר האריכו בזה ספרים הרבה של הקדמונים הקדושים, שעיקר היהדות והדביקות והחיות אלהות שנשפע על אדם בכל יום, עיקר שואב מחשבה ראשונה ודבור ראשון של בוקר, ע"כ.

ובנו הרה"ק בספר בן ביתי (תהלים קיט, קמח) כתב, 'קדמו עיני אשמורות לשיח באמרתך', שמעתי מאאמו"ר זלה"ה שכל ישראל בעל שכל, בעל נפש, צריך להשגיח על רגע ראשונה כשמתעורר משנתו, אם הוא באמונת אלקי ישראל, אז כל היום כולו הוא הולך בדרך הטוב ויש לו יום טוב, ואם לאו ח"ו ידע וכו', לזה אמר דוד המלך ע"ה 'קדמו עיני אשמורות' כלומר כשאתעורר משנתי ואפתח עיני וקדמו במחשבת 'אשמרת' שאשמור תורת ה' באמונה ובטחון בה' אלקי ישראל, אז כל יום 'אשיח' בפירוש אמרתך בדביקות גדול בין קודם תפלת שחרית ובתפלת שחרית וכל היום, עכ"ל.

ובספר אגרא דפרקא (אות רה) כתב, וכתבו תלמידי הבעש"ט, ליזהר בעמדו ממטתו שתהיה המחשבה הראשונה, והדיבור הראשון, והמעשה הראשונה, להשי"ת, בתורה ומצוות, ועי"ז יהיו נגררין כל המחשבה ודיבור ומעשה של כל היום. ונראה לי שזהו הנרמז בתורה (שמות יג ב) 'קדש לי כל בכור פטר כל רחם', שהתורה בא לרמז וכו' גם כן הדברים הנ"ל לקדש ראשית המחשבה ודיבור ומעשה וכו' הבן הדבר.

### בארות הלוי

[ט] בענין התפילה צריך האדם להכין נפשו מקודם בהכנה דרבה לטהר את מוחו ומחשבתו מכל נגיעות הגוף, החל משעה שקם ממטתו, צריך לקדש את מחשבתו הראשונה, כמו שכתוב (שמות יג, ב) 'קדש לי כל בכור', ופירשו הצדיקים בזה, שהאדם צריך לקדש כל ענין ראשון, היינו ה'מחשבה' הראשונה של היום, ה'דיבור' הראשון, וה'מעשה' הראשון, שתיכף בקומו ממטתו יתבונן ב'מחשבתו' בגדלות הבורא ב"ה, שהבורא ב"ה ממלא כל עלמין וסובב כל עלמין, וה'דיבור' הראשון יקדש, על ידי שיאמר תיכף בהקיצו, 'מודה אני' וכו' כמבואר במג"א (סי' ד ס"ק כח) בשם סדר היום.

והגה"ק מבוטשאטש זי"ע כתב (סידור דעת קדושים) שתיכף בהעירו

משינתו, עוד לפני שיאמר מודה אני, יאמר 'ברוך שנתן תורה לעמו ישראל בקדושתו', על ידי הדיבורים הקדושים הללו, זוכה לקדש ראשית דיבורו. וה'מעשה' הראשון מתקדש על ידי שיטול ידיו כהלכה וכראוי, ויכון שעל ידי הנטילה יסולק מעל ידיו כח הקליפה ורוח הטומאה (דבר"ק ח"א עמ' רכח).

זהו הענין המובא מהבעש"ט הק', על הפסוק (שמות יג, ב) 'קדש לי כל בכור', שהאדם צריך להיזהר לקדש את מחשבתו הראשונה בקומו בבוקר, כי כל מחשבותיו של כל אותו היום נגררות אחר מחשבתו הראשונה. והיינו משום דהכל נמשך אחר השורש וההתחלה, וכיון שהשורש טוב, כולהו בתר רישא גריר.

וכן המעשה הראשון בבוקר צריך להיות בעניני יראת ה', וכן יגררו כל מעשיו אחר השורש וכו', ולכן צריך להוציא בעצמו ולשפוך החוצה את מימי הרחיצה מנטילת ידים שחרית, וזה מסוגל ליראת שמים. והיינו גם כן מטעם הנ"ל, דכיון שמיד ברדתו ממטתו הוא עושה מעשה בפועל להוציא את הזוהמא מן הבית, הרי עשה בזה פעולה לקדש עצמו ולהתרחק מהזוהמא והטומאה, לכן זה מסוגל ליראת ה' לכל אותו היום, כי הכל נמשך אחר השורש (פתגמ"ק ח"א עמ' קכ"ד).

מיד בקומו ממטתו, יתבונן בפלא הגדול אשר הקב"ה עשה עמו, שהחזיר לו נשמתו, ומתוך כך יקבל עליו עול מלכות שמים, דהיינו להמליך את הנשמה הקדושה אשר הקב"ה החזיר לו, על כל איברי גופו, שכולם יתבטלו לעשות רצון השי"ת.

וזהו 'ראשית בכורי אדמתך' (שמות כג, יט), היינו ראשית מחשבתך בבוקר, 'תביא בית ה' אלקיך' לקדשה לה', ועי"ז 'לא תבשל גדי בחלב אמו', לא יהיה יניקה לסיטרא אחרא מחלב אמו, משפע הקדושה היורד לכנסת ישראל, ולא יהיה לה אחיזה בעבודתו, כי על ידי שהאדם מקדש מחשבתו הראשונה, נגררות מחשבותיו של כל אותו היום אחר מחשבה זו, שאף כאשר צריך לעסוק אחר כך גם בעניני דעלמא, מחשבתו תמיד קשורה בקבלת עול מלכות שמים שקיבל על עצמו בראשית היום, דכולא בתר רישא גריר (פתגמ"ק ח"א עמ' רמז).



נייעס, באריכטן
און אנטוויקלונגען,
אינערהאלב
**קהילותינו ומוסדותינו הקדושים**
צווישן מקהלת אנשי
שלומינו ברחבי תבל

# במקהלות

ישיבה גדולה תורת משולם פייש ד'טאהש - ניו יארק:

וירד משה מן ההר אל העם:

## כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א וועט פראווען א ערשטמאליגע היסטארישע 'שבת לפני הילולא' מיוחד לתלמידי 'ישיבה גדולה תורת משולם פייש ד'טאהש' אין ניו יארק

אין א גאר איבערראשענדע בשורה מרנינה האט כ"ק מרן רבינו שליט"א איבערגעגעבן רצון קדשו, צו פראווען דעם קומענדיגן שבת פר' בהעלותך הבעל"ט, אין היכל ישיבה גדולה תורת משולם פייש ד'טאהש אין ניו יארק, בקרב תלמידיו הנאמנים.

דער היסטארישע שבת איז געקומען אויף די בקשה פון די חשובע בחורים און דער מנהל שליט"א וועלכע האבן געלאדענט דעם רבי'ן - ביים באזוך אין קריתינו הקדושה דעם פארגאנגענעם ל"ג בעומר - צו קומען פראווען "א שבת אין ישיבה".

די גאר ווארעמע שבתים וועלכע ווערן געפראוועט בהיכל הישיבה מדי שבת בשבתו בראשות חשובע רמ"ם ומשפיעים, האבן זיך קונה שם טוב געווען, ושמם הטוב הולך לפניהם, עס הילעכט אפ ווייט, און דער רבי טוט כסדר באקומען גאר שיינע און ווארעמע גריסן פון די וועלכע פראווען די שבתים, ובמיוחד פון הרב הגאון רבי חיים ברוך יודא לייפער שליט"א מרביץ תורה בקריתינו, וועלכער האט לעצטענס געפראוועט א שבת אין ישיבה, און האט איבערגעגעבן רגשי לבבו פארן רבי'ן, פון די גאר ווארעמע חסידישע שבתים וועלכע ווערן געפראוועט אין ישיבה.

אצינד האט דער רבי מחליט געווען טאקע צו קומען ספעציעל צו פארן ממעון קדשו, כדי צו פראווען א שבת בלויז מיט די בחורי ישיבה גדולה אין ניו יארק, און טאקע אויסגעוועלט דעם ספעציעלן "שבת לפני הילולא" פון ריש שושילתא קדישא הדין, רבינו השרף זי"ע.

ווי נאר די בחורים האבן באקומען די איבערראשענדע בשורה טובה, האט זיך די ישיבה אנגעצינדן ווי א קעסל, און די בחורים האבן זיך אריינגעווארפן נאך מער בתורה ובעבודה ובקבלות טובות, זיך צוצוגרייטן צו דעם דערהויבענעם שבת קודש מיט שעות רצופות בלי הפסק וכדו'.

א ספעציעלע קארטל איז פארטיילט געווארן וואו די בחורים צייכענען זיך די שעות רצופות וקבלות טובות, און באזונדער די לימודים במשך ערב שבת ושבת קודש, די בחינות חומש ורש"י וכו'.

כרועה עדרו ירעה, ובחיקו ישא.

**שבת לפני הילולא בישיבה של רבי' 'ישיבה גדולה תורת משולם פייש ד'טאהש'**

ישיבה גדולה אור החיים - פק"ק קרית טאהש:

## היו נכונים - תלמידי ישיבתינו הק' געמאכט די ריכטיגע הכנה לקראת מתן תורה

מיט א פלאמעדיגע אש התורה האבן די תלמידי הישיבה געמאכט די ריכטיגע הכנה צו קבלת התורה, ווען בין כותלי הישיבה איז פארגעקומען א אייגנארטיגע 'מבצע הכנה' ווי עס איז פארגעקומען א חזרת הלימודים אין די לעצטערע ערב יום טוב טעג.

דאנערשטאג ערב יו"ט אינדערפרי באשמורת הבוקר איז פארגעקומען א סדר הלימוד פון 3 שעה רציפות פאר'ן דאווענען, וואו די בחורים האבן איבערגעחזר'ט די לעצטע סימנים וואס מ'האט געלערנט די זמן בלימוד שולחן ערוך, און סוף סדר האבן זיי זיך פארהערט ביי די מגידי שיעורים בעל פה די סימנים וועלכע מען האט געלערנט, בבחינת ואם ישאלך אדם אל תגמגם.

אינמיטן די סדר הלימוד איז מרן רבינו שליט"א אנגעקומען בהיכל הישיבה צוזוזעהן פונדערנאנט ווי זיינע באליבטע תלמידים נחמדים זיצן און לערנען בהתמדה רבה, ווי די רבי האט ארומגעקוקט צווישן די בחורים, און געשעפט גרויס נחת צו זען ווי די בחורים לערנען און קאכן זיך בפולפולי דאוריתא בהאי יומא רבה ערב מתן תורתינו.

דער רבי האט משמיע געווען קורצע דברות קודש, ארויסברענגנדיג צווישן אנדערע די חשיבות פון מאכן א ריכטיגע הכנה לכבוד התורה דורך לערנען און חזר'ן די לימודים, און ארויסגעברענגט רגשי לבבו אז אפילו אין אלע אנדערע ישיבות זענען נישט יעצט פארהאן קיין סדרי הישיבה, דאך איז מען ערב יום טוב אויפגעשטאנען פרי צו א פעסטע סדר החזרה, און די כח התורה וועט אודאי באגלייטן די תלמידים צו קונה זיין די לימודים און מקצוות וועלכע מען לערנט משך די יאר.

דאן האט הרה"ג המנהל שליט"א איבערגעגעבן א קוויטל פאר מרן רבינו שליט"א מיט די נעמען פון אלע תלמידי הישיבה, אז די רבי זאל אינזינען האבן זיינע געטרייע תלמידים ביי די הייליגע תפלות במשך יו"ט, און די קוויטל איז טאקע געלעגן על שלחן מלכים ביי די תפלות החג, ווי דער רבי האט אינזינען געהאט אלע בחורים צו קענען ווייטער שטייגן בתורה ועבודה.

דעם הייליג'ן יו"ט שבועות האבן די תלמידי הישיבה געפראוועט אינאיינעם בצל הקודש, ווי מטעם הישיבה איז געווען צוגעשטעלט אלע באדערפעניש ווי יעדע שב"ק, און די תלמידים האבן געהאט די זכי' מיטצוהאלטן אלע תפלות און טישן משך דעם יו"ט און זיך אנגעזאפט הויפענעס קדושה און יראת שמים פאר א גאנץ לעבן.

*

אזוי אויך איז מרן רבינו שליט"א ערשינען דעם פארלאפענעם מיטוואך ביינאכט בהיכל הישיבה צו תפלת מעריב, ווי נאך מעריב האט דער רבי האט פארגעזאגט די לעצטע ספירה מיט א ברען.

נאך מעריב האבן צוויי בחורים מתלמידי הישיבה געמאכט א סיום מסכת. נאך די הדרן האט מען זיך ארויסגעלאזט אין א טאנץ "ואטהר ואתקדש" און "יהא רעווא קדמך", און דער רבי האט אנגעוואונטשן די בחורים וואס האבן געמאכט די סיום.

*

## חבורת חוזר וניעור - רייכע סעודה לגומרה של תורה פארגעקומען לרגל סיום חזרת בשר וחלב

דעם זונטאג אסרו חג שבועות איז פארגעקומען א רייכע סעודה לכבוד די סיום פון הלכות בשר וחלב אינערהאלב חבורת חוזר וניעור - וועלכע איז ספעציעל געאייגנט פאר תלמידי שיעור ב' און תלמידי שיעור ג' איבערצו'חזר'ן די לימודים פון הלכות בשר וחלב וועלכע מ'האט געלערנט די פארלאפענע יאר.

די סיום איז פארגעקומען אין די שטוב פונעם ראש החבורה און געטרייע מגיד שיעור הרה"ג ר' יונה פישער שליט"א, מו"ץ, וועלכע האט אינאיינוועגס אויך געדינט אלס התחדשות החבורה צום נייעם זומער זמן.

עס האט אויפגעטרעטן די יושב ראש, האברך החשוב מו"ה דוד הערשקאוויטש הי"ו מחשובי יוצאי הישיבה וועלכע האט ארומגערעדט בעניני לימוד התורה, און צווישן אנדערע נאכגעזאגט די ווערטער וואס מרן רבינו שליט"א האט משמיע געווען ביי די מעמד ה'באגלייטן מוצאי יו"ט שבועות העעל"ט, א רמז פארוואס לכו"ע בשבת נתנה תורה, אז פונקט ווי שבת קודש קען מען נישט אפשטופן, עס איז א אתערותא דלעילא, די זעלבע זאך לימוד תורה דארף זיין בקביעות און מיט א פעסטקייט חק ולא יעבור.

דערנאך האט אויפגעטרעטן די מגיד שיעור און ראש החבורה הרה"ג ר' יונה פישער שליט"א, וועלכע האט אויך שטארק ארומגערעדט פון לימוד התורה, און די חשיבות און נחיצות פון איבערחזר'ן נאכאמאל און נאכאמאל די לימודים מיט א גרונטליכקייט.

עס האט אויך אויפגעטרעטן ביים מסיבה מוה"ר לייבל קאפטשיק הי"ו משגיח בישיבתנו, וועלכע האט ארומגערעדט אינטערעסאנטע נושאים און ענינים פון וועלכע די בחורים האבן זייער הנאה געהאט.

דערנאך האט אויפגעטרעטן האברך החשוב מו"ה מאיר ארי' הערשקאוויטש הי"ו מחשובי יוצאי הישיבה ומגבאי החבורה, און מיט פאסיגע ווערטער האט ער ארויסגעברענגט די ציל פון היינטיגע מסיבה לחזק החבורה ביתר שאת וביתר עוז.

*

תלמידי הישיבה איבערראשט איבער אן ערשטמאליגע 'שבת המרומם' באופן פרטי בראשות ריש מתיבתא קדישא כ"ק מרן רבינו שליט"א אויף די קאנאדישע בערג

אין די טעג ארום ערב יו"ט שבועות איז נתפרסם געווארן בהיכלי ישיבתינו הק' אז כ"ק מרן רבינו שליט"א, וועלכע האט שטענדיג אינזינען די געטרייע תלמידים הקרויים בנים להדריכם ולהליכם בדרך העולה בית קל להתהלך לפני אלקים באור החיים, האט באוויליגט צו פראווענען דעם קומענדיגן שבת קודש פר' קרח הבעל"ט אויסשליסליך אויף א גאר פריוואטע פארנעם אין א אפגעזונדערטע קאנטרי אויף די בערג ספעציעל פאר די תלמידי הישיבה.

די בשורה מרנינה ווערט אויפגענומען צווישן די תלמידי הישיבה בפרט און אנשי שלומינו איבער די גארער וועלט בכלל, וויסענדיג די שטארקע אהבה און נאנטע קשר וואס די רבי פארמאגט צו די תלמידים, און אין אזא שבת וועלן די תלמידים האבן די גאלדענע געלעגנהייט צו מקבל זיין תורה והדרכה וואס וועט זיי זיכער באגלייטן אויף א גאנץ לעבן.

על אף אז די רבי פירט כסדר טיש מיט די בחורים זעלבסט, און איז כסדר משפיע מהודו ביי פארשידענע געלעגנהייטן ווי פריוואטע שמועסן און אזוי ווייטער, וועט אזא פריוואטע שבת פארמאכט און פריוואט בלויז מיט די תלמידים אן קיין שום אנוועזנדע אנ"ש וועט זיין פי כמה, ווי די תלמידים וועלן קענען אנשעפן כוחות און חיזוק ללימוד התורה.

די פונקטליכע פרטים ארום די גאנצע שבת, און די סדר מכירת העליות און כיבודים, און ובפרט די הכנה צום דערהויבענעם שבת, ווערט אין די יעצטיגע טעג אויסגעארבעט דורך די געטרייע הנהלת הישיבה, ווי עס ווערט געפלאנט צו ווערן אויסגענוצט פאר כולו רוחני, לימוד התורה און קבלות טובות.

קהלתינו הק' מאנטריאל:

## ערשטמאליגע מעמד 'כינוס כלל חסידי טאהש מאנטריאל' למען בית מדרשו של רבי - ביהמ"ד אהל אלימלך ד'טאהש

# אין שטאט

דעם פארלאפענעם מאנטאג נשא א' - יום המיוחס, איז פארגעקומען אין מאנטריאל אן ערהאבענער מעמד אדיר, ווי עס זענען זיך צוזאמגעקומען קרוב צו הונדערט אנשי שלומינו תלמידי וחסידי טאהש תושבי מאנטריאל, מיטן ציל אוועקצושטעלן א יסוד איתן פאר די הרחבת גבולי הקדושה אויף בית מדרשינו אהל אלימלך - בית מדרשו הראשון של רביה"ק זי"ע.

דער מעמד איז פארגעקומען אין א פראכטפולן זאל אין שטאט מאנטריאל, ווי מען האט געהאט די זכיה אז כ"ק מרן רבינו שליט"א איז ספעציעל ארויסגעקומען מפאר זיין בראש המעמד און משמיע זיין ברכת קדשו.

דורכאויס דער מעמד איז פארגעקומען א לענגערע אויפטריט דורכן באקאנטן פה מפיק מרגליות הרה"ח ר' מאיר מרדכי בערקאוויטש הי"ו, וועלכער האט צווישן אנדערע ארויסגעברענגט דאס אויסטערלישע חשיבות פון דער הייליגער ביהמ"ד וועלכע פארמאגט אזא פונדאמענטאלע ווערד און חשיבות ביי חסידי טאהש, זייענדיג דאס ערשטע מקום וואס רביה"ק זי"ע האט אוועקגעשטעלט און דארט איינגעפלאנצט די קערנדלעך פארן גרויסן און הערליכן בוים וואס איז זיך צעוואקסן איבער דער גאנצע וועלט אלס די טאהשע חסידות.

אזוי אויך האבן אויפגעטראטן מיט הארציגע דיבורים דורכאויס דעם מעמד, הרה"ח ר' יהוסף יואל סג"ל קרויס שליט"א און הגה"ח ר' אלעזר עקיבא בינעטה שליט"א, וועלכע האבן ארויסגעברענגט מיט התרגשות די געוואלדיגע זכיה וואס מען האט צו ארויסהעלפן דאס אויפבוי פון דעם געוואלדיגן מקום קדוש.

אן אויסטערלישע התרגשות און עלעקטריזירנדע שטימונג האט איבערגענומען דעם זאל, ווען אינמיטן דער מעמד האט רבינו שליט"א געמאלדן אז אינאיינם מיט יד ימינו הרה"ח ר' יואל אלחנן פאפלאנאש הי"ו וועט ער נעמען אויף זיך די סכום עצום פון זעקס הונדערט טויזנט דאלער, למען בית ה' - בית מדרשו של רבי.

דורכאויס דער מעמד זענען די משתתפים אריבער אונטערשרייבן שטרות מיטן רבי'ן אויף די סכומים פון $12,000 און ארויף ברענגענדיג דעם טאטאל צו די אסטראנאמישע סומע פון אנדערטהאלבן מיליאן דאלער (!), ווען מיט א פאראייניגטע רצון כאיש אחד בלב אחד האט יעדער זיך אנגעשלאסן מיט מסירת נפש אהערצושטעלן און פארגרעסערן דעם הייליגן ווינקל כראוי וכיאות.

גאר א ווערדפולע און אייגנארטיגע חפץ דקדושה איז פארטיילט געווארן פאר אלע באטייליגטע, אין פארעם פון א שטיקל האלץ אראפגענומען פון די ארון הקודש וועלכע איז באנוצט געווארן דורכאויס די יארן וואס רבינו הקדוש זי"ע האט געדאוונט אין דעם ביהמ"ד, דער ארון הקודש ביי וועלכע די רבי האט הונדערטער מאל איינגעריסן למען הכלל והפרט 'ותשלים משאלין דבאי ולבא דכל עמך ישראל לטב ולחיין ולשלם, אמן'.

תלמוד תורה עבודת משולם פייש - מאנסי:

# העפטיגע פלענער צום גרויסארטיגן מעמד "חומש סעודה" בראשות כ"ק מרן רבינו שליט"א

מיט גרויס שפאנונג און עקסטאז גרייטן זיך די לעכטיגע צאן קדשים תלמידי כתה א' דמוסדותינו הקדושים, צום געהויבענעם טאג ווען מען וועט בעזר השם יתברך פייערן דעם גרויסארטיג'ן "מעמד נהדר חומש סעודה" און דאנקן דעם אייבערשט'ן אז שהחיינו וקימנו והיגענו לזמן הזה ווען מען גרייט זיך בעזר השם אנצופאנגען לערנען די הייליגע תורה שבכתב און א מזל'דיגע שעה.

די לעכטיגע קינדערלעך לייגן און די איצטיגע טעג אריין גרויסע כוחות צו זיין גרייט צום געהויבענע און היסטאריש'ן מעמד וואס וועט בלייבן איינגעקריצט ביי זיי א גאנץ לעבן, די געטרייע און איבערגעגעבענע מלמד מוה"ר חיים ראטטענשטיין הי"ו האט פארפאסט הערליכע ניגונים לכבוד די גרויסע מעמד, וועלכע די לעכטיגע קינדערלעך חזר'ן זיך עס איין אין די יעצטיגע טעג.

די געהויבענעם מעמד איז באשטימט געווארן צו פארקומען דעם קומענדיגן זונטאג פרשת שלח כ"ב סיון הבעל"ט. די געטרייע הנהלת המוסדות ארבעטן יעצט אויס די פונקטליכע דעטאלן ווי די מעמד זאל פארקומען ברוב פאר והדר.

מלך ביפיו תחזינה עינינו: מיט רגש קודש גרייטן זיך די לעכטיגע צאן קדשים צו ענטפאנגען הוד כ"ק מרן רבינו שליט"א נשיא המוסדות, נאכדעם וואס רבינו שליט"א האט אויסגעדריקט רצון קדשו צו קומען זיך באטייליגן ביים גרויסארטיגע שמחה פון זיינע לעכטיגע תלמידים'לעך. וואס כידוע לכל איז די הייליגע מוסדות אין מאנסי קרוב ללבו הטהור, און מען וועט בס"ד האבן די זכי' אז רבינו שליט"א וועט קומען צו פארן בטירחא דגופא ובטירחא דגברא רבה מיטצוהאלטן די הייליגע מעמד.

מיט א שבח והודאה צום אייבערשט'ן אז ברוך השם נאכדעם וואס עס איז אריבער א גאנצע קייליכדיגע יאר פונעם פאריג'ן חומש סעודה, און מיר זעהען מיט די אייגענע אויגן אז עוד יוסף חי, רבינו הקדוש זי"ע באגלייט אונז אויף טריט און שריט, בעט'ן מיר צום אייבערשט'ן אז מיר זאלן ווייטער זוכה זיין צו זעהן ווי אונזערע לעכטיגע צאן קדשים שטייגן און וואקסן מעלה מעלה בתורה ויראת שמים אויפ'ן הייליגן דרך המסורה.

# ישיבה גדולה אור החיים - רעגיסטראציע צום נייעם זמן החורף אין פולן שוואונג

אין די יעצטיגע וואכן האבן די געטרייע חברי הנהלה רוחני אריינגעטרעטן מיט א ערנסטקייט צום קומענדיגען זמן החורף הבעל"ט, ווען מיט א געוואלדיגע אחריות נעמט מען אויף די פולע אפליקאציע'ס פון די בחורים וועלכע שרייבן זיך איין צום נייעם זמן הבעל"ט.

די חשוב'ע מנהל הישיבה הרה"ג רבי שמעון יחיאל ראטה שליט"א, וועט אי"ה ווײלן אין ניו יארק במשך די קומענדיגע טעג ארום פרשת שלח, כדי זיך פערזענליך צו טרעפן מיט די איינגעשריבענע בחורים, זיי פארהערן און אננעמען בס"ד לקראת דעם נייעם זמן הבעל"ט.

די מנהל שליט"א וועט זיך פערזענליך פארבינדן מיט די עלטערן פון די תלמידים און מודיע זיין די צייט ווי די בחינה וועט פארקומען בס"ד.

עס איז צום האפן אז חפץ השם בידינו יצליח, און די חשוב'ע צוות הישיבה זאל ווייטער מצליח זיין להעמיד תלמידים הגונים, לתפארת אבותינו ורבותינו הקדושים, מתוך הרחבת הדעת און הצלחה רבה בכל הענינים.


על הרי קאנאדא
פרשת קרח
תשפ"ו הבעל"ט
בחורי ישיבתינו הק'
הכונו לקראת שבת המרומם
בראשות כ"ק מרן
רבינו עטרת ראשינו
ריש מתיבתא
קדישא שליט"א
לקראת שבת לכו ונלכה


בס"ד
וַיֵּרֶד מֹשֶׁה מִן הָהָר אֶל הָעָם
כְּרֹעֶה עֶדְרוֹ יִרְעֶה, וּבְחֵיקוֹ יִשָּׂא
(ישעיהו מ, יא)
שבת לפני הילולא קדישא

בעזרת השם יתברך

נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון • וקול שמחה • קול חתן • וקול כלה

ברוך שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה
מתכבדים אנו בזה להזמין את קרובינו וידידינו
להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים שיחיו

הבחור החתן המופלג בתוי"ש
כמר **יצחק** נ"י
עב"ג
הכלה הבתולה המהוללה
מרת **שינדל** תחי'

שתתקיים אי"ה למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום ד' לסדר "כי ד' דבר טוב על ישראל" (בהעלותך)
י"ח סיון שנת תשפ"ו לפ"ק הבעל"ט, ולמספרם JUN. 3

קבלת פנים בשעה 5:30 והחופה בשעה 6:30

באולם כינור דוד
18 Getzel Berger Blvd. Monroe, NY 10950

ידידיכם המחכים לקראת בואכם לשלום

| הורי החתן | הורי הכלה |
|---|---|
| יוסף אשר געלב וב"ב | יוסף ישעי' הכהן גראס וב"ב |
| קרית טאהש יצ"ו | קרית יואל יצ"ו |

---

בעזהשי"ת

נעלה את ירושלים על ראש שמחתנו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון וקול שמחה
קול חתן וקול כלה

בשבח והודאה להשי"ת שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה
הננו מתכבדים בזה להזמין את כבוד קרובינו וידידינו
לבא להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים

הבחור החתן המופלג בתוי"ש
**אהרן נפתלי הירצקא** נ"י
עב"ג
הכלה הבתולה המהוללה
**מילכה פיגא** תחי'

שתתקיים אי"ה למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום ה' לסדר "כי ה' דבר טוב על ישראל" (פ' בהעלותך)
י"ט סיון תשפ"ו לפ"ק (למספרם 26' JUN 4)

קבלת פנים בשעה 6:15 החופה בשעה 7:00
שמחת חתן וכלה בשעה 10:15

The P&P Banqueting Hall
4 Princes Road, Edmonton, London N18 3PR

נשמח מאוד לקבל פניכם בשמחתינו
ובעז"ה ביום שמחתכם ישמח לבנו גם אנו

| הורי החתן | הורי הכלה |
|---|---|
| צבי הירש גרינפעלד וב"ב | יואל יוסף שטעלער וב"ב |
| לונדון יצ"ו | לונדון יצ"ו |

---

בעזהשי"ת

עמ"י עש"ו

נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
בסימן טוב
ובמזל טוב
קול ששון וקול שמחה
קול חתן וקול כלה

בשבח והודאה להשי"ת על כל הטוב אשר גמלנו שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה. ברגשי כבוד וידידות נתכבדה נא בזה לקרוא את מע"כ נ"י להופיע אלינו בהדרתו ולשוש אתנו משוש בהגיע למזל טוב תור כלולת בנינו היקרים שיחיו

ה"ה החתן הבחור המופלג בתוי"ש
**משה עמרם** נ"י
עב"ג הכלה הבתולה המהוללה
**אסתר** תחי'

שתתקיים בעזהשי"ת בשעה טובה ומצלחת למזל טוב
ביום רביעי פרשת בהעלותך ח"י לחודש סיון תשפ"ו לפ"ק הבעל"ט
(למספרם June 3)

קבלת פנים בשעה 6:00 החופה בשעה 7:00

באולם שאגאל
6501 Kildare Road
Côte Saint-Luc, QC H4W 1S5
מאנטריאל, קאנאדא יע"א

ביום שמחתכם ובמועדיכם בשמחת צאצאיכם אי"ה
נשיב לכם בל"נ גמולכם הטוב בלונפ"ח

| הורי החתן | הורי הכלה |
|---|---|
| חיים יהודה גראד וב"ב | יקותיאל יהודה גרינוואלד וב"ב |
| קרית טאהש יצ"ו | מאנטריאל יצ"ו |

---

בעזרת השם יתברך

נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון • וקול שמחה • קול חתן • וקול כלה

בשבח והודי' להשם יתברך שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה
הננו מתכבדים בזה להזמין כל קרובינו וידידנו שיחיו
להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים ה"ה

הבחור החתן המופלג בתויר"ש
**שלמה זלמן** נ"י
עב"ג
הכלה הבתולה המהוללה
**לאה הענטשא** תחי'

שתתקיים בעזרת השי"ת למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום שלישי לסדר כי ה' דבר טוב על ישראל וגו' - בהעלותך
י"ז לחודש סיון שנת תשפ"ו לפ"ק
ולמספ' June 2

**באולם בית צירל**
251 Beth Halevy Boisbriand Quebec J7e 4h4

קבלת פנים בשעה 6:30 והחופה בשעה 7:30

וביום שמחתכם ובמועדיכם ישמח לבינו עמכם בל"נ
ידידיכם המחכים לקבל פניכם בספ"י

| הורי החתן | הורי הכלה |
|---|---|
| **אליעזר צבי הערשקאוויטש וב"ב** | **אליעזר זוסיא סג"ל קרויס וב"ב** |
| קרית טאהש יצ"ו | קרית טאהש יצ"ו |

---

אריינצולייגן
אייער הזמנה
ביטע רופט
אריין צום
מערכת
**718.451.8674**
עקסטענטשן
840

אל מעלת כבוד חברינו וידידינו
וחסידי כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע

**נתכבד בזה להזמינכם לבוא ולהשת**
**נישואי צאצאינו היקרים, בזמן ובמק**
**שמחתכם ומועדיכם**

*המח*


בעזהשי"ת

נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים

קול ששון וקול שמחה
קול חתן וקול כלה

**בסימן טוב ובמזל טוב**

אודה ה' מאוד בשיר ושבח והודי' על כל חסדיו
שהחיינו וקימנו והגיענו ליום כלולת בתי
הכלה הבתולה והמהוללה
מרת **חי' זעלדא** תחי'
עב"ג הבחור החתן המו"מ בתוי"ש
הרב **איתמר** שליט"א
בן ש"ב מחו' מע"כ הרה"צ שלהיו"ח פאמ"ק
מוהר"ר **יצחק הורוויץ** שליט"א
בן ש"ב הגה"צ המפו' רבי **ישראל חיים הורוויץ** שליט"א
אב"ד **סאטמאר מאנטשעסטער** יצ"ו
וחתן ש"ב כ"ק אדמו"ר הרה"צ המפו' **מסטאניסלאוו לאנדאן** זצ"ל

ובכן אזמין לסעודתא אושפיזין עילאין לבא ולהשתתף
ולקחת חבל בשמחתינו
שתתקיים ברצו"ה למזל טוב בשעה טובה ומוצלחת ומבורכת

**ביום רביעי לסדר בהעלותך**
**י"ח לחודש סיון שנת תשפ"ו לפ"ק הבעל"ט**
June 3, '26

קבלת פנים בשעה 6:30 והחופה אי"ה בשעה 7:30

**באולם תפארת מרדכי**
600 McDonald Avenue. Brooklyn, NY 11218

ויה"ר שזכות אבוה"ק יגן ויושיע לכל המשתתפים להיוושע בדבר ישועה
ורחמים להתברך בבני חיי ומזוני ובכל מיני ומילי דמיטב אכי"ר
וברצו"ה ביום שמחתכם ומועדיכם ישמח לבי ג"א

כ"ד ידידכם המצפה לקראת בואכם לשלום
**הק' יחזקאל שרגא סג"ל**
בכ"ק אאמו"ר הרה"צ חו"פ מוהר"ר **מרדכי** זצללה"ה
בנו בכורו של הרה"ק אדמו"ר **מטאהש** זי"ע
וחתן מו"ח הרה"ק אדמו"ר **מקרעטשניף קרית גת** זצללה"ה
חונה כעת פה ברוקלין ניו יארק יצ"ו


בעזרת השם יתברך

מזל טוב

נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון • וקול שמחה • קול חתן • וקול כלה

בשבח והודאה להשי"ת שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה
הננו מתכבדים בזה להזמין בקריאה של חיבה את קרובינו
וידידינו לבא ולהשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים שיחיו

הבחור החתן המופלג בתוי"ש
כמר **יצחק** נ"י
עב"ג הכלה הבתולה המהוללה
מרת **לאה** תחי'

שתתקיים אי"ה למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום ה' לסדר "בהעלותך את הנרות" (בהעלותך)
י"ט סיון שנת תשפ"ו לפ"ק, (ולמספרם JUNE 4)

קבלת פנים בשעה 6:00 והחופה בשעה 7:00

**באולם בית רחל פאראדייס**
5 Israel Zupnick Drive. Monroe, New York

ואי"ה ביום שמחתכם ישמח לבנו גם אנו
ידידיכם המחכים לקראת בואכם לשלום

הורי החתן
**יקותיאל יעקב מרדכי לאנדא**
**וב"ב**
קרית יואל יצ"ו

הורי הכלה
**עזריאל שפיטצער**
**וב"ב**
קרית יואל יצ"ו


בעזרת השם יתברך
נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים

קול ששון וקול שמחה
קול חתן וקול כלה

פ

ברוב שבח והודי' להשי"ת שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה,
מתכבדים אנו בזה להזמין ולקרוא בקריאה של חיבה את כבוד קרובינו
וידידינו לבוא ולהשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים ה"ה

הבחור החתן המופלג בתוי"ש
**משולם פייש** נ"י
עב"ג
הכלה הבתולה המהוללה
**מלכה בלומא** תחי'

שתתקיים בעזהשי"ת למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
**ביום ד' לסדר "כי ה' דיבר טוב על ישראל" (בהעלותך)**
**ח"י סיון תשפ"ו לפ"ק**
קבלת פנים בשעה 6:00 החופה בשעה 7:00

**באולם ספאניש פארטוגעזש**
4894 Ave Saint-Kevin, Montreal, Quebec H3W 1P2

ואי"ה ביום שמחתכם נקוה להשיב לכם בל"נ כגמולכם הטוב
ידידיכם המצפים לקבל פניכם באהבה ובשמחה

הורי החתן
**יעקב פאגעל וב"ב**
קרית טאהש יע"א

הורי הכלה
**יקותיאל נתן בניאמין עקשטיין וב"ב**
מאנטריאל קאנאדא יע"א


בעזרת השם יתברך

נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון • וקול שמחה • קול חתן • וקול כלה

בשבח והודאה להשי"ת על כל הטוב שגמלנו
הננו בזה להזמין את מעלת כבוד קרובינו וידידנו
לבוא ולהשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים ה"ה

הבחור החתן המופלג בתוי"ש
**נתן דוד** נ"י
עב"ג
הכלה הבתולה המהוללה
**חי'** תחי'

שתתקיים אי"ה למזל טוב ובשעטומ"צ
ביום ה' לס' כי ה' דיבר טוב על ישראל (בהעלותך)
י"ט לחודש סיון שנת תשפ"ו לפ"ק
(למספרם June 4)

קבלת פנים בשעה 6:00 - החופה בשעה 7:00

באולם גינת קליין
14 Ratzfert Way, Monroe, New York

ידידיכם המצפים לקראת בואכם לשלום

הורי החתן
לוי יצחק פעדער וב"ב
ברוקלין יצ"ו

הורי הכלה
אלימלך קרויס וב"ב
קרית יואל יצ"ו

פ

הנאמנים, אנשי שלומינו תלמידי
, ויבלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א.

**תף ולהתעלס באהובים בעת שמחת**
**ום המוגבל הנ"ל, ובעזרת השם בעת**
**ישמח לבנו גם אנו.**

# בצל הקודש

מהנעשה והנשמע בביתו נאוה קודש
של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

חג השבועות - תשפ"ו לפ"ק


## מאנטאג פר' נשא א'

ביי די זמני כניסה איז אריין אל הקודש פנימה הרב דוד אהרן יונגרייז שליט"א מנהל בית חינוך לבנות פון סאטמאר מאנסי, וואס איז געקומען אויפטרעטן ביי די 'אסיפת הורים' וואס איז געווארן צוגעשטעלט פאר די חשובע עלטערן דורך די הנהלת המוסדות.

⋄

ביינאכט איז רבינו שליט"א געפארן קיין מאנטריאל צו באשיינען די מסיבה לטובת קרן הבנין דקהלתינו הק' מאנטריאל, דער רבי האט משמיע געווען ברכת הקודש פארן גאנצן ציבור, (זעה פילע באריכט און במקהלות).

צום שליס פונעם מעמד האט דער רבי געדאווענט מעריב, געצינדן ליכט און געדאווענט פארן עמוד לע"נ זקינתו הרבנית הצדיקת ז"ל.

דערנאך איז דער רבי אריין אין חדר המיוחד אין אויפגענומען די גרעסערע נדבנים בעם וועלכע האבן זיך אונטערגענומען גרעסערע סכומים.

⋄

שפעטער איז דער רבי אריבער צו די הויפט קווארטיר פון מפעל 'רפואה וחסד' אין מאנטריאל, וועלכע זענען געווען זייער געטריי די לעצטערע יארן פון רביה"ק זי"ע מיט א געוואלדיגע מסירת נפש, און שטייען ווייטער לימין קדשו פון רבינו שליט"א און די גאנצע שטעטל, און עס איז יעצט פארגעקומען א קאמפיין לטובת די הייליגע מפעל, דער רבי האט מחזק געווען די עסקנים, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו און זיך משתתף געווען בסכום הגון.

## דינסטאג פר' נשא א'

אינדערפרי איז פארגעקומען ביי רבינו שליט"א די תפלין לייגן פאר די צווילינג בר מצוה בחורים, בני מוה"ר יואל בר"ל גוטמאן הי"ו פון קרית יואל, דער רבי האט געגעבן ווארימע דברי הדרכה, און נאכן תפלין לייגן אנגעוואונטשן ברכת קדשו פאר די בר מצוה בחורים און די עלטערן, און געגעבן במתנה די ספרי הקודש עבודת עבודה.

דערנאך האט זיך דער רבי משתתף געווען ביים שמחת הברית מילה פון בן מו"ה דוד יודא מערמעלשטיין הי"ו, אין ביהמ"ד אברכים. דער רבי איז מכובד געווארן מיט סנדקאות, נאכן ברית האט דער רבי געבענטשט דאס קינד, אוןווארעם אנגעוואונטשן די אבי הבן און די זיידע'ס ברכות לרוב.

⋄

ביי די זמני כניסה זענען אריין אל הקודש פנימה תלמידי ישיבת סקווירא מאנטריאל אינאיינעם מיט די מנהלים ומגידי שיעורים שליט"א, דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש ודברי חיזוק, און די בחורים זענען אריבער ביים רבי'ן, דער רבי האט געטיילט מטבעות קודש לשמירה ברכה והצלחה.

דערנאך האט באזוכט ביים רבי'ן כ"ק אדמו"ר מ'בארנוב שליט"א, וואו עס איז פארפירט געווארן א שיינע שמועס איבער זקיניו צדיקי דינוב וצאנז זי"ע, און איבער די התקשרות פון רבותינו הק' זי"ע צו די צדיקים, דער רבי האט מכבד געווען מיט לחיים און געוואונטשן ברכת קדשו, און ארויסבאגלייט ביזן גאס.

אזוי אויך האט דער רבי במשך די זמני כניסה אריינגעשריבן א אות אינעם ספר תורה וואס ווערט אריינגעגעבן לע"נ הרה"ח ר' שמואל שפיטצער ע"ה פון וומסב"ג, דורך בני משפחתו.

## מיטוואך פר' נשא א'

דער רבי האט מנחם אבל געווען דורכן טעל. ביי משפחת פעלדמאן, וועלכע זענען געזעצן שבעה על פטירת הרה"ח ר' יעקב פעלדמאן ע"ה. דער רבי האט געטרייסט און מחזק געווען די משפחה, און ווארעם אנגעוואונטשן ברכות לרוב.

ביינאכט האט דער רבי געדאווענט תפילת מעריב בהיכל ישיבה גדולה אוה"ח, דערנאך האבען הב' ישראל ב"ר משולם פייש קרויס ני"ו און החתן יעקב חיים בה"ר בערל סג"ל טירנויער ני"ו געמאכט א סיום אויף מס' שקלים, נאך קדיש האט מען זיך ארויסגעלאזט אין א פרייליכע טאנץ.

## דאנערשטאג ערב חג השבועות

פארן דאווענען איז פארגעקומען ביי רבינו שליט"א די תפלין לייגן פאר הבחור הבר מצוה בן מוה"ר משה יצחק אליעזר

פאפלאנאש הי"ו, דער רבי האט געגעבן ווארימע דברי הדרכה, און נאכן תפלין לייגן אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן בר מצוה בחור און די עלטערן, און געגעבן במתנה די ספרי הקודש עבודת עבודה.

שפעטער איז דער רבי ערשינען בהיכל ישיבה גדולה אוה"ח וואו עס איז פארקומען א סדר הלימוד שעות רציפות כהכנה צום הייליגן יו"ט קבלת התורה, דער רבי האט ארום שפאצירט צווישן די בחורים און געשעפט הויפענעס נחת, דערנאך משמיע געווען דברות קודש.

נאכמיטאג נאך די זמני כניסה פאר די אורחים החשובים האט דער רבי געמאכט ברכת אילנות בחצר ביתו נאוה קודש.

## ליל א' דיו"ט

אריינקומענדיג אין היכל הבית המדרש הגדול האט זיך אנטפלעקט א הערליך בילד, די ביהמ"ד איז געווען הערליך שיין באצירט מיט בלומען און רויזן, ארום דעם ארון הקודש און די באלעמער כנהוג, און א ספעציעלן חופה העכערן פלאץ פון רבי'ן.

צו תפלת מנחה איז צוגעגאנגען כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, דער רבי האט געדאווענט מעריב פארן עמוד, און אלע תפילות די ערשטע טאג יו"ט, צו די יארצייטן פון די משפחת המלוכה פון רביה"ק זי"ע. נאכן דאווענען איז דער ציבור אדורך לברך ולהתברך בברכת 'א גוט יום טוב', און די געסט האבן געהאט די געלעגנהייט צו געבן שלום פארן רבי'ן.

⋄

שפעטער איז זיך דער עולם צוזאמגעקומען צו תיקון ליל שבועות א גאנצע נאכט. ארום 1:30 איז דער רבי אריינגעקומען צום שלחן הטהור, מיט הגבהת הכוס צו קידוש איז מכובד געווארן הרה"ח ר' אהרן קרויס הי"ו.

במשכ'ן טיש האט מען געזינגען ווארימע תורה ניגונים לכבוד יו"ט שבועות, בפרט די הייליגע אהבה רבה ניגון מיט גרויס התעוררות און השתפכות הנפש, און הרה"ג רבי חיים ברוך יודא לייפער שליט"א האט פארגעזינגען די ניגון קבלת התורה.

צווישן די כיבודים זענען מכובד געווארן מיט די זמירות'ן כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א.

דער רבי האט געבענטשט על הכוס, הגבהת הכוס הרה"ג ר' חיים יעקב סג"ל גאלדשטיין שליט"א פון מאנסי, שיר המעלות הב' שמעון ב"ר שמואל דוד גוטמאן ני"ו פון קרית יואל.

## יום א' דיום טוב

דער רבי האט געדאווענט אלע תפילות און הלל פארן עמוד מיט גרויס התעוררות לכבוד די יארצייט.

נאך אתה הראת לדעת איז דער רבי ארויף אויפן ארון הקודש, און בחרדת קודש אנגעהויבן זינגן קאפיטל השמים מספרים, און דערנאך פתיחת הארון און זינגן דעם קאפיטל לדוד מזמור, עס האט געהערשט א גרויסע התעוררות ביים זינגן די מקובל'דיגע ניגונים הכנה לקבלת התורה.

נאך לאנגע מינוטן וואס דער עולם איז אריבער קושן די ספר תורה איז דער רבי ערשינען אויפן באלעמער, מ'האט אויסגערופן כהן הרה"ח ר' חיים שלמה הכהן שווארץ הי"ו, און דער רבי האט פארגעזאגט דעם אקדמות מיט גרויס התעוררות.

דערנאך האט מען ממשיך געווען מיט קריאת התורה, לוי האט עולה געווען מוה"ר עזרא שמעון ישראל סג"ל ניהויזער הי"ו, שלישי מוה"ר מנחם מענדל ניימאן הי"ו, רביעי עשרת הדברות אב"ד קלוזש שליט"א, חמישי הרה"ג ר' אברהם שלמה פאפלאנאש שליט"א. הגבה אויפן ערשטן ספר מו"ה אהרן אברהם פריעדמאן הי"ו פון טאראנטא, גלילה מו"ה אליעזר הערש פישער הי"ו משב"ק, פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל, און עולה געווען מפטיר, הגבה אויפן צווייטן ספר מו"ה חיים שיינער הי"ו פון טראנטא, גלילה מוה"ר אלימלך ראזענצווייג הי"ו. פתיחה צו אנעים זמירות הרה"ח ר' נפתלי נחמי' ראטענבערג הי"ו פון מאנסי.

נאכן דאווענען איז דער רבי אריינגעקומען אין היכל ישיבה גדולה צו די 'מילכיגע סעודה' משולב מיט'ן קידוש לכבוד די יארצייט פון משפחת רבינו הק' זי"ע.

דער רבי האט געמאכט קידוש, הגבהת הכוס איז מכובד געווארן הרה"ח ר' הערשל סג"ל שווארץ הי"ו פון וומסב"ג. מען האט געזינגען פאסיגע ניגונים לכבוד היום, דער רבי האט טועם געווען און געטיילט שיריים פון די קרעפלעך און פון די פערפל.

⋄

שפעטער איז דער רבי אריינגעקומען צום עריכת שלחן הטהור די 'פליישיגע סעודה' בהיכל הטישן בביתו נאוה קודש אינאיינעם מיט די אורחים החשובים. הגבהת הכוס צו קידוש מוה"ר ישעי' פעלבערבוים הי"ו פון סטעטן איילענד, צווישן די ניגונים זענען מכובד געווארן אתה בחרתנו הרה"ח ר' חיים יחזקאל שרגא לאנדאוי הי"ו פון וומסב"ג, אתה אחד הרב אברהם יצחק קאהן שליט"א נכד רבינו שליט"א, מלמד בת"ת עבודת משולם פייש מאנסי.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הגה"צ אב"ד קהלתינו הק' מאנסי שליט"א, ור"מ בישיבה"ק תפארת משולם פייש ניו יארק, שיר המעלות הב' יעקב יוסף ב"ר משה יושע שיינער ני"ו פון א"י.

## ליל ב' דיום טוב - שב"ק

דער רבי איז צוגעגאנגען צו תפילת מנחה און קבלת שבת ומעריב.

פאר קבלת שבת איז דער רבי ארויף אויפן ארון הקודש, און מעורר געווען דעם ציבור זיך משתתף זיין ביתר שאת וביתר עז אין אמירת תהלים ביום השבת, לכבוד די יומא דהילולא פון דוד המלך נעים זמירות ישראל.

נאכן דאווענען איז דער רבי ארויף אויפן ארון הקודש און געוואונטשן ׳א גוט שבת גוט יו״ט׳ פארן גאנצן ציבור.

⋄

ביים שלחן הטהור זענען מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש הרב שלמה צבי חיים ליעבערמאן שליט״א פון לינדען. צווישן די זמירות׳ן איז מכובד געווארן הגה״צ אב״ד קהלתינו הק׳ מאנסי שליט״א, הרה״צ רבי ישראל מרדכי סג״ל שליט״א פון וומסב״ג, הרה״ח ר׳ מרדכי מאיר לאנדאוי הי״ו פון וומסב״ג, הרב ארי׳ ראזענבוים שליט״א פון קרית יואל, הרה״ח ר׳ דוד יודא לאנדאוי הי״ו פון מאנסי, מו״ה יקותיאל דוד ראזענבערג הי״ו פון מאנסי, הרה״ח ר׳ מנחם מענדל יאראסלאוויטש הי״ו פון לעיקוואד, מוה״ר ישראל מנחם מענדל אמסעל הי״ו פון וומסב״ג, מו״ה ישעי׳ שטערן הי״ו פון מאנטריאל.

ברהמ״ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הגה״צ רבי ישראל מרדכי סג״ל שליט״א. שיר המעלות הב׳ אהרן משה בה״ר יצחק אייזיק לאבין נ״י פון מאנטריאל, נאכן בענטשן און טיילן פירות האט מען געטאנצן רננו צדיקים און ובאו כולם.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי׳ן און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג. אנקומענדיג אהיים איז פארגעקומען די שלום זכור-וואכנאכט פון נכד רבינו שליט״א, בן הנולד צו הגה״צ רבי מרדכי אברהם גינזבורג שליט״א חדב״ן.

מען האט געזינגען פאסיגע ניגונים, דער רבי האט טועם געווען פון די בונדלעך און געוואונטשן לחיים, דערנאך האט מען אריינגעברענגט די קינד און מען האט געלערנט קריאת שמע און המלאך.

## יום ב׳ דיום טוב – שב״ק

דער רבי איז אריינגעקומען אין ביהמ״ד הגדול לאמירת כל ספר תהלים, און פארגעזאגט ביים עמוד.

צו פסוקי דזמרה איז צוגעגאנגען מוה״ר יעקב אליעזר מערמעלשטיין הי״ו, צו שחרית איז צוגעגאנגען הרה״ג רבי חיים ברוך יודא לייפער שליט״א, נאך שמונה עשרה האט דער רבי פארגעזאגט הלל ביים עמוד מיט גרויס התעוררות.

די עליות האבן עולה געווען: כהן הרה״ח ר׳ משה אשר ראזענבערג הי״ו, לוי כ״ק מרן רבינו שליט״א, שלישי הרה״ח ר׳ יצחק יודא לייבוש מערמעלשטיין שליט״א חבר הנהלת קהלתינו הק׳, רביעי הרה״ח ר׳ שלום יחיאל ארגעל הי״ו, חמישי הרה״ג ר׳ שמשון פויגעל שליט״א, ששי הגה״צ רבי מרדכי אברהם גינזבורג שליט״א חדב״ן, שביעי מוה״ר משולם זושא אונגאר הי״ו פון מאנטריאל, אחרון החתן חיים נחום בה״ר נפתלי יודא לייבוש מערמעלשטיין נ״י און עס איז פארגעקומען די באווארפן.

הגבה הרב ישעי׳ מאיר קרויס שליט״א פון מאנסי, גלילה הב׳ דוד לייב ב״ר יואל טייטלבוים נ״י תלמיד ישיבה קטנה תפארת משולם פייש ניו יארק. פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל, מפטיר האט עולה געווען הרה״ג ר׳ איסר נפתלי מערמעלשטיין שליט״א.

דערנאך האט מען געזאגט יזכור, מוסף האט געדאווענט הרה״ג ר׳ איסר נפתלי מערמעלשטיין שליט״א.

פארן דוכנ׳ען האט דער רבי געוואשן גיסו הגדול כ״ק אדמו״ר מ׳ספינקא שליט״א, און הגה״צ רבי יואל יחיאל

ישיבה גדולה אור החיים ד׳טאהש

ישיבה גדולה אור החיים ד׳טאהש

נוסדה ע״י כ״ק מרן רבה״ק זי״ע בנשיאות כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א

Office: 450.323.1084 Public: 450.234.1200 Addres: 2 Beth halivy boisbriand Québec j7e 4h4

ערב חג השבועות תשפ״ו לפ״ק

# מודעה חשובה

**הננו בזה להודיע לאלו שכבר שלחו את האפליקאציע במילואה להנהלת הישיבה, אשר הרה״ג מנהל הישיבה שליט״א ישהה בניו יארק בימי השבוע דפרשת שלח הבעל״ט, במטרה מיוחדת לבחון את הבחורים לקראת זמן החורף תשפ״ז הבעל״ט.**

**המנהל שליט״א יצלצל לכל אחד להודיעו הזמן והמקום המיועד להבחינה.**

ובהזדמנות זו הננו פונים בבקשה לכל מי שעדיין לא שלח את האפליקאציע הדרושים, שיזדרז לשלחם עד יום ה׳ פרשת בהעלותך כדי שהדברים יתנהלו כסדרן, ולא יבואו לידי טירחא ועיכובים מיותרים.

יהי רצון שתשרה ברכה והצלחה במעשה ידינו, ונזכה להעמיד תלמידים הגונים בסייעתא דשמיא מרובה.

**הנהלת הישיבה**

קאהן שליט"א חדב"ן, און הרה"ח ר' חיים יחזקאל שרגא לאנדאוי הי"ו פון וומסב"ג.

פתיחה צו אנעים זמירות הרה"ח ר' משולם איסר סג"ל לאווי הי"ו פון בארא פארק.

נאכן דאוונען איז פארגעקומען די שמחת הברית מילה פון נכד רבינו שליט"א, דער רבי איז מכובד געווארן מיט סנקאות און מכבד געווען חתנו אבי הבן, נאכן ברית האט דער רבי געבענטשט דאס קינד, און די ציבור איז אריבער געבן מזל טוב, און מען האט געזינגן פאסיגע ניגונים.

✧

א שטיק צייט שפעטער איז דער רבי אריינגעקומען צום שלחן הטהור בהיכל הטישן בביתו נאוה קודש איננאיינעם מיט די אורחים החשובים, מיט הגבהת הכוס צו קידוש זענען מכובד געווארן מוה"ר יחיאל אלתר גוטמאן הי"ו פון מאנסי. מיט די זמירות הרב מרדכי קרויס שליט"א פון קרית יואל נכד רבינו שליט"א, מוה"ר דניאל הלל פיליפסון הי"ו פון מאנסי, מוה"ר טובי' סג"ל שווארץ הי"ו פון בארא פארק, יום ליבשה מוה"ר יצחק שמעון אסטרייכער הי"ו פון קרית יואל.

במשכ'ן סעודה האט דער אבי הבן הגה"צ רבי מרדכי אברהם גינזבורג שליט"א חדב"ן אויפגעטרעטן מיט פאסיגע ווערטער לכבוד די שמחה. ברהמ"ז על הכוס הגה"צ רבי מרדכי אברהם גינזבורג שליט"א חדב"ן, שיר המעלות הב' רפאל ב"ר אברהם יודא לעבאוויטש ני"ו.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג, אנקומענדיג אהיים האט דער רבי געוואונטן א 'גוט שבת גוט יו"ט'.

✧

נאכמיטאג איז צוגעגאנגען צו תפילת מנחה הרה"ח ר' יצחק יודא לייבוש מערמעלשטיין הי"ו.

די עליות האבן עולה געווען כהן הרה"ח ר' חיים יחזקאל שרגא לאנדאוי הי"ו פון וומסב"ג, לוי הרה"ח ר' הערשל סג"ל שווארץ הי"ו פון וומסב"ג, שלישי הרה"ח ר' שמואל דוד גוטמאן הי"ו פון קרית יואל, הגבה כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, גלילה הרה"ג ר' מרדכי בעריש מערמעלשטיין שליט"א ר"מ ומשפיע בישיבה קטנה תפארת משולם פייש ניו יארק.

דערנאך האט מען זיך געוואשן צו סעודה שלישית ונעילת החג, מיט קידוש האט דער רבי' מכבד געווען הרה"ג ר' איסר נפתלי מערמעלשטיין שליט"א.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי' מכבד געווען הרה"ח ר' שלום יחיאל מיכל ארגעל הי"ו, שיר המעלות הב' אלעזר ליפא ב"ר מנחם נחום סג"ל שווארץ ני"ו תלמיד ישיבה גדולה.

## מוצאי שב"ק - מוצאי יו"ט

צו תפילת מעריב איז צוגעגאנגען הרה"ח ר' יצחק יודא לייבוש מערמעלשטיין שליט"א, דערנאך האט דער רבי געמאכט הבדלה, הגבהת הכוס צו הבדלה מוה"ר יואל קלמן הערשקאוויטש הי"ו פון קרית יואל, די הבדלה האט געהאלטן מוה"ר אברהם אהרן האניג הי"ו פון בארא פארק.

דערנאך איז פארגעקומען די מעמד הבאגלייטן, ווי מען האט אהיימבאגלייט דעם רבי'ן לביתו נאוה קודש בשירה ובזמרה בתופים ובמחולות, אנקומענדיג אויפן גאלערי' האט דער רבי משמיע געווען דברות קודש לכל הקהל הקודש, ארומרעדנדיג איבער די סגולת היו"ט, וואו מען דארף מיטנעמען די השפעות אויף ווייטער, זיך מקבל זיין קבלות טובות בלימוד התורה ועבודת התפלה, קדושה וטהרה, זיך האלטן שטארק קעגן די נסיונות הזמן, והבא לטהר מסייעין אותו.

תיכף דערנאך האט זיך דער ציבור ארויסגעלאזט אין פרייליכע ריקודין בשירה ובזמרה בתופים ובמחולות פאר א לענגערע צייט, לויבענדיג דעם אויבערשטן פארן האבן די זכי' צו דערלעבן אזא דערהויבענע יום טוב בצל הקודש.

דערנאך האט דער רבי' געוואונטשן פארן גאנצן עולם 'מען זאל האבן גע'פועל'ט אלעס גוטס'.









בעזהשי"ת

## סדר הלימודים

במסגרת החבורות שע"י קהילתינו הק'

## = פרשת בהעלותך =

| | ז' עמודים - מסכת זבחים | | ה' עמודים - מסכת סנהדרין | |
|---|---|---|---|---|
| | לימוד היום | חזרת השבוע | לימוד היום | חזרת השבוע |
| שב"ק נשא | דף קד. | דף ק: | חזרה | חזרה |
| זונטאג | דף קד: | דף קא. | דף י: | דף ז. |
| מאנטאג | דף קה. | דף קא: | דף יא. | דף ז: |
| דינסטאג | דף קה: | דף קב. | דף יא: | דף ח. |
| מיטוואך | דף קו. | דף קב: | דף יב. | דף ח: |
| דאנערשטאג | דף קו: | דף קג. | דף יב: | דף ט. |
| עש"ק | דף קז. | דף קג: | חזרה | חזרה |

בחינה הבאה ביום א' קרח

חבורת ז' עמודים - צה. - קח:

חבורת ה' עמודים - תחילת המסכת - יב:

הערליכע שיעורים לימוד וחזרה, שואל ומשיב, ווי אויך צו טרעפן א חברותא
רופט קול איחוד טאהש
514-500-8674 - 718-451-8674
ביי 4-1 פון די מעין מעניו

# פרנס

השיעורי תורה על
'קול איחוד' לשבוע הבעל"ט

נתנדב על ידי
מוה"ר אלימלך קרויס (ב"ר אהרן) הי"ו
(קרית יואל)

לרגל שמחת נישואי בתו
למזל טוב

זכות השיעורי תורה דרבים יעמוד
לו ולזרעו להתברך בכל הברכות
הכתובה בתורה עד עולם אמן

## קול איחוד טאהש

מקושר פון איבעראל

718.451.TOSH | 514.500.TOSH

718.451.8674 | 514.500.8674

0.333.015.0715 | 079.704.0074

קולו בקודש מרביה"ק זי"ע | דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א | דרשות | שיעורים | חבורות
מעמדים | מאורעות | מודעות | שמחות | אינטערוויו'ס | מזון הנפש | עזר לתושבים
מעמבער אפטיילונג | ואטהר ואתקדש | קהילות ומוסדות | פרנסה ביחד | ועוד

די לעצטע געלעגנהייט אריינצושיקן בריוון,
מודעות, און מזל טוב'ס פארן גליון, איז:
**מיטוואך 12:00 מיטאג**

איחוד
תלמידי וחסידי טאהש

יו"ל ע"י
## איחוד תלמידי וחסידי טאהש
פילצאליגע פראיעקטן צו פאראייניגן און סערווירן אנשי שלומינו


P: 718.451.8674 EXT. 80 | F: 845.610.8674
11 Van Buren Dr. #205 Monroe N.Y. 10950


גליון באור החיים | להתאחד בחורי אנ"ש | קול איחוד טאהש | חברה ש"ס | מתאחדת בלעטל | טעלעפאון ביכל | פרנסה ביחד